STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06049

BESARABYE

Jacob Botoshansky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

773

יעקב באָטאָשאַנסקי.

בעסאַראַביע

לעגענדן; מעשהס; בילדער.

פאַרלאַג „אויפגאַנג"
בוענאָס איירעס 1928

Jacobo Botoschansky.

BESSARABIA
(Cuentos y Leyendas)

Buenos Aires 1928

איבערדרוקן און איבערזעצן אָן דערלויבעניש
פון מחבר פאַרבאָטן.

Copyright by Jacobo Botoschansky, B. Aires.

ווידמונג

מאמע בעסאראביע,
פון מיין מעשהלע דער ריטער
איז דיין האַרעפּאַשנע פּויער
און דיין איד דער סוחר
איז מיין וויסטער טרויער...

מאמע בעסאראביע,
כ׳האב אָף הונדערט פון דיינע בוימער
אויסגעקריצט מיין נאָמען
און מיט זיי ארייגעוואקסן בין איך
אין דיין ערד דער שווארצער
און ארויסגעוואקסן בין איך
פול אזוי מיט פרייד פון בארג
און פול אזוי מיט טאָל־יאָמער
און טרויער און פוסטקייט פון מארק.

מאמע בעסאראביע,
ס׳זינגט פון שנאה און שונא
אזוי פיל דיין הארציקע דוינע *)

*) דאָס רומענישע פאָלקס־ליד הייסט „דוינע".

און אין מיטן פון איר ליבסטן ליבע־ליד
זינגט דאָס מאָלדאַוואַניש מיידל
פון דעם פאַרשאָלטענעם איד
און די ערד, וואָס מיט האָניק, ווײַן און מילך טריפט
טריפט אַזוי פיל גיפט...
און נעבן די טײַכן פרוט, דניעסטר און טינע
וואָס פליסן אין שוואַרצן ים
האָסטו אויך טײַכן בלוט און טרערן
פון אידישן פּאָגראָם!..

— — — — — — — — — — — — — — —

מאמע בעסאַראַביע,
וואו איז פרייד דען פריידיק אַזוי
און וואו איז טיף אַזוי דער אוי?
וואו נאָך האָט אַזוי פיל טרערן דאָס געזאַנג
און וואו איז פול די פרייד אַזוי מיט באַנג
און וואו איז זעטיק דען אַזוי די זאַנג
און דאָס ברויט איז פול אַזוי מיט גיפט פון שלאַנג?
וואו יאָמערט נאָך אַזוי דער טאָל
און וואו נאָך קלינגט דער באַרג מיט אַזאַ גילדן קול
און וואו נאָך — אוי
האָט אַזוי פיל קנאה־שנאה
צו דעם איד דער גוי?
און די קנאה־שנאה וואַקסט אַרײַן זיך
אין דער שוואַרצער ערד
און וואַקסט אײַנײַנעם מיטן ברויט
און וואַקסט אײַנײַנעם מיט דער נויט
און מאַכט פון לעבן און פרייד — טרויער און טויט...

די דוינע

...וועֶר זינגט זי ניט?

סע זינגט זי דער פאסטוך אַף זיין פייפעלע, ווען די שייפעלעך זיינע צעשפּרייטן זיך איבערן טאָל און ער בלייבט אפן בארג אליין מיט הימל און ערד. און אזוי שטיל גיסט זי זיך דעמולט. זי צעטראגט זיך איניינעם מיט בארג־ווינטל און טאל וואסערל און פארוויגט גאנץ בעסאראביע אין א בלויער בענקשאפט:

גרינע בלעטער, ביינקען, ביינקט זיך...

הונדערט מאָל דאָס אייגענע! טויזנט מאָל דאס אייגענע! אָן אויפהער דאָס אייגענע:

גרינע בלעטער, ביינקען, ביינקט זיך...

און זיצן פויערים אין א קרעטשמע און טרינקען, קרייזלט זיך אין זייערע שכור־פארוויינטע אויגן און הערצער די דוינע. ווילדע, הייזעריקע קולות צעשטורעמען זיך ווי א בעסאראביער זאווערוכע און גראָבע הענט הויבן זיך מיט צאָרן:

גרינע בלעטער, בייזער פריץ,
שינדסט פון אונז אראפּ די הויט,
אונזער האַק וועט ברייַנגען טויט...

און הונדערט מאָל, און טויזנט מאָל און אָן אויפהער דאָס אייגענע:

שינדסט פון אונז אראפּ די הויט,
אונזער האַק וועט ברייַנגען טויט...

און האָט א בחור ליב א מיידל און זי אים האָט ניט ליב, נעמט ער פארנאכט צענויף אלע אינגלעך און אלע מיידלעך פונם דאָרף און זינגט זיי מיט א פייער־ציטערדיק קול די אלטע מאָלדאוואנישע דוינע:

גרינע בלעטער, העלפט מיר טרויערן,
העלפט מיר גיסן טייכן טרערן
איידער ליבן, ניט געליבט צו ווערן,
בעסער זאָל די מאַמע ניט געבוירן...

און הונדערט מאָל, און טויזנט מאָל, און אָן אויפהער, און אַלע זינגען דאָס אייגענע:

איידער ליבן, ניט געליבט צו ווערן,
בעסער זאָל די מאַמע ניט געבוירן...

און איז דער זונטיק א שיינער, צי א מיאוסער, קומען אַלע בחורים און מיידן זיך צענויף אין מיטן דאָרף און קרייזלען, און קרייזלען די דוינע. און ווערט די דוינע אפגעזונגען, ווערט דער טרויער פון הארצן אראפגעזונגען און די טרויעריקע דוינע ווערט מגולגל אין א ווילד־פריילעכער האָרא־העפקע און סע טאנצט זיך. די אויגן ווערן פארברענט און די הערצער שפרינגען.

— גרינע בלעטער, וואקסן דאָרטן,
קום מיין מיידל, אינם גאָרטן,
ס׳איז דער גאָרטן נאָס אזוי
— ס׳איז דער גאָרטן פול מיט טוי...
— ווען מיר דעם טוי אפּווישן
און די ליפּן ווען מיר קישן...

און הונדערט מאל, און טויזנט מאָל, און אינגלעך און מיידלעך זינגען דאָס אייגענע:

ווען מיר דעם טוי אפּווישן
און די ליפּן ווען מיר קישן...

און טרויערן מיידלעך פאר די חתונות און באוויינען פון פריער זייערע פינצטערע טעג און עלנטע נעכט, גיסן זיך איניינעם מיט די טרערן — די דוינע־קלאנגען:

די בלעטער גרין, דער חתן גוט
און דער מאַן שלאָגט ביז צום בלוט.

און סע גיסן זיך טרערן, און סע ענדיקט זיך קיינמאל ניט:

די בלעטער — גרין, דער חתן — גוט
און דער מאַן שלאָגט ביז צום בלוט...

און אידן בא שמחות, און אידן אין זייערע שולן האָבן שוין אויך אויפ־געכאַפּט די אַלטע מאַלדאַוואַנישע דוינע, און פרייען זיך מיט איר, און טרויערן מיט איר און בעטן מיט איר אַף טוי און רעגן.

גרינע בלעטער, דוינע זיסע,
אין די שולן, אין די פעלדער,
אין די קלויסטערס, אין די וועלדער
אַף דער פריי און אין דער תפיסה —
גרינע בלעטער — דוינע זיסע...
די דוינע... ווער זינגט זי ניט?..

* * *

וואו האָט מען געזונגען צום ערשטן מאָל די דוינע? ווער האָט זי גע־זונגען צום ערשטן מאָל?

די דוינע אַליין זינגט דערפון א די מעשה:

גרינע בלעטער, בא דעם פּרוט
איז בא מענטשן היים דאָס בלוט.

איז אין דאָרף, וואָס הייסט מאַלדאַוואַנאָווקע, וואָס ליגט ניט ווייט פון דעם פּלאַץ,

וואו עס קושן זיך פּרוט און דניעסטער,
ווי צוויי גוטע, גוטע שוועסטער,

איז אין דעם דאָזיקן דאָרף געווען אַ פּויער, האָט ער געהייסן ב א ד י א ג ע אָ ר ג ע. אַלט געווען שוין אפשר זעכציק יאָר און היים — הייליקע מאַמאַלע! ר'האָט אַרבעטן ניט געקענט, ווייל מיידלעך האָבן געברענט אים אין קאָפּ. און פריילעך האָט ער געקענט זיין ווי אַ זונען־שטראָל אין דאָרף. אַליין אַ גאַנצע מוזיקע געווען: דאָס קול אַ פידאַלע, אַ פּויק — די שטיוול...

גרינע בלעטער, שוואַרצער וואַלד...

ס'איז די מעשה אַלט שוין, אַלט...

אין א זונטיק פאַרנאַכט איז ג ע אָ ר ג ע פאַרבלאָנדזעט געוואָרן אין יענעם וועלדל אַריין, וואָס דאָרט אַפּן בערגל. מ'האָט געזאָגט, ר'האָט אַ וואַלד־מיידל ליב געהאַט; ליב געהאַט אַזוי ווי אַ ליכט: פייער פלאַמענדיק, דערנאָך — אויסגייענדיק...

זונטיק באַנאַכט אין וואַלד... קריסטן זיינען ניטאָ און די רוחות פּראַווען שוואַרץ יום־טוב...

ווען באַדיאַ געאָרגע איז אין וואַלד אָנגעקומען, האָט ער דערהערט אַ ווילדן געלעכטער: אַ גאַנצע כאַפּטע „שוואַרצע מיט הערנער" זיינען געלעגן אַרום אַ פייער און איינער האָט אַף די רויטע קוילן געטאַנצט... און געלאַכט האָט ער, אַז אין האַרצן איז אַ שוידער דורכגעגאַנגען. ז'האָבן געלאַכט פון אונז, פון די מענטשן:

דער עלצטער — מיט אַ קרוין און מיט אַן עק — האָט אונזער באַדיאַן אַ כאַפּ געטון ווי אַ רוח קען און אים געזאָגט:

טראָג מיך, דריי מיך אין אַ רינג

און אַ לידל זינג מיר, זינג...

דער אָרעמער קריסט! וואָס האָט ער נעבעך געקענט טון?.. ר'האָט געטראָגן דעם רוח און אים געזונגען ביז ער איז אַנידערגעפאַלן...

גרינע בלעטער, בידנע פויער

ס'איז די דוינע פול מיט טרויער...

דער רוח האָט דעם באַדיאַ אַ כאַפּ געטון, זיך גענומען אים דרייען, דרייט ער אים ביז היינט... און דרייענדיק אים האָט ער אים געזונגען...

די דוינע געזונגען!..

די דוינע ענדיקט זיך דאָך ניט קיינמאָל!

דאָרטן, אין וועלדל אַפּן באַרג, דרייט ער זיך מיט אים עד היום און זינגט... און זינגט...

אַז מ'דערנענטערט זיך הערט מען, נאָר מ'טאָר ניט... זיך דערנענטערן...

דאָס פּלאַץ איז פאַרשאָלטן!

אַז אַן אַלטער מאַלדאַוואַן דערציילט די דאָזיקע מעשה א אידן קוקט ער אף אים מיט בייזע אויגן:

— גלויבסט דען, פּאַגאַן *)

ער גלויבט, ער גלויבט נאַרישער זיידע! וויפיל מאָל האָט שוין אים געפּאַקט דער רוח און זיך געדרייט מיט אים... נאָר געזונגען האָט ער ניט.

א אידן, אַז דער רוח פּאַקט — זינגט ער אים ניט...

*) ניט גלויביקער.

די פארשאָלטענע ערד

באַם ברעג פונם דניעסטער איז פאראַן אַ שטיק ערד, איז עס פאַר־שאָלטן; פעט און שוואַרץ איז עס ווי אַלע געבענטשטע פעלדער, וואָס ליגן אין שוים פון דער מאַמע בעסאַראַביע, נאָר וואָס מען זאָל דאַרויף ניט זייען, וואַקסן שטעכערס...

און טרעפט זיך אַן אומגליק: אַ קריסט פאַרשטעכט זיך באַ די דאַזיקע שטעכערס, קריגט ער אַ גיפט ווי אַ שלאַנג און מוז טויטן אידן.

— ווער האָט די דאָזיקע ערד פאַרשאָלטן?

— ווער, אַז ניט דער רוח?

— פאַרוואָס?

— די דוינע זינגט וועגן דעם אַט אַ די מעשה:

גרינע בלעטער, הימל גרויער
און די ערד איז פול מיט טרויער...
פול מיט טרויער, פול מיט רוחות...

האָט זיך איינער פון יענע לייט זאַנאָדעט אַפן אָרעמען שטיקל ערד, וואָס דער אַלטיטשקער סטאַן קאַזשוך האָט פאַרמאָגט; דער גלח פונם דאָרף האָט געזאָגט אַז עס איז דערפאַר, ווייל ער האָט געאַרבעט אום זונטיק. ווער ווייסט? צרות האָט דאָס דאָזיקע ניט ריינע פאַרשווינדל אָנ־געטון אַ סך. דער רוח — דער קלונג פונם קלויסטער־גלאָק זאָל אים דער־שלאָגן! — אַז ער וויל, רינט שוין בלוט...

געזעען די אמתע צורה פונם רוחל האָט קיינער ניט, עס איז תמיד געווען פאַרשטעלט: אָט האָט עס אויסגעזען ווי אַ האָזעלע, אָט — אַ פעלד־מיידל און אָט גאָר אַ לייב. אַ שרעק איז געפאַלן!

איינמאָל איז דאָס רוחל געוואָרן — אַ פייגאַלע, און געזונגען האָט

עם — די מאלדאווישע ערד האָט ביז דאמאלס אזא פויגל ניט געהערט זינגען...

און דאמאלט טאקע איז געשעען דער ערשטער אומגליק: סטאַן קאזשוכס מיידל — די שענצטע אינם דאָרף — איז דורך דעם זינגען אריינ־געפאַלן אין דער נעץ אריין. דאס רוחישע ליד האָט זיך אריינגעצויגן אינם מיידלס הארץ אריין און גענאגט און גענאגט... זי איז געבליבן צוגעשמידט צום פעלד און אזוי געזאפט אין זיך דאס געזאנג, גלייך די קיש פון א ווילד הייסן בחור...

גרינע בלעטער, ווייסער טאָג
און א נאכט קומט אָן מיט פּלאָג:

זינגענדיק האָט דאָס רוח־פייגאלע צוגענומען בא איר די ערשטע מיידלשע בלום, באלעבט א גאנצע נאכט און געפייניקט דאס יונג־פרישע לייב נאָר ווי א רוח קען.

אינדערפרי האָט מען דאס ארימע מיידל געטראפן א האלב־טויטע, א געבאדענע אין אייגענעם בלוט...

דער טאטע, דער אלטער ארימער קריסט נעבעך האָט זיך איבערגע־צלמט און אויסגעשפּיגן... אויסגעהאדעוועט א טאכטער פארן רוח: די כלא־פּעס פונם דאָרף האבן פאר איר מורא געהאט און זי — יונג בלוט! — האָט זיך געפּאָרעט מיט יענע לייט, א מכשפה געווארן...

גרינע בלעטער, זינגט דאס ליד,
אינם דאָרף געוואוינט א איד,
האָט איין טאכטער ער פארמאגט,
האָט זיך רוח נאָך איר געיאגט
און באנאכט געוואלט באלעבן
האָט דער איד געבראכט א רבין...

א איד ניט קיין קריסט. א איד לאזט זיך ניט. דער רבי האָט זיך גע־דרייט, ארום פייגאלע געפּרעפּלט, עס געבונדן און —

ס'איז אוועק דעם רוחס געביין
און געלאזט דאָס מיידל ריין...

מיטן רוח טאר מען זיך, אבער, ניט שפּילן! בעסאראביע ווייסט עס...

באם אנטלויפן האָט דער רוח פארשאלטן דאס פאלק, וואו ער האָט ניט גע־קענט בייקומען א אידישע טאכטער:

גרינע בלעטער, שווארצער האָרן,
רוען וועט דאָ רוחיש צאָרן,
זייען וועלן קריסטן ברויט
וואקסן וועט פאר אידן טויט...

...פון דעמאָלט אָן זיינען א סך טרויעריקע דוינעס פארפאסט געווארן און אָלע ענדיקן זיך מיט „א דערהארגעטן אידן אין דניעסטער פארווארפן, א קריסט א געקאוועטן פארשיקט קיין סיביר...״

אלע אויסזיינגען וועלן זומער־טעג צו קליין זיין און ווינטער — צו קורץ; איינע — די ערשטע — זינגט זיך אזוי:

גרינע בלעטער, שווארצע נאַכט
שיפן שיפלעך זיך פארטראכט,
פישערס כאפן זיסע פיש
פאר דעם בייזן פריצס טיש...

מיט די לעצטע נאכט־שאָטנס זיינען די פישער־שיפלעך צום ברעג צו־שוואומען. אין די אָרעמס פון די נאכט־שאָטנס האָט שוין טאָג געצי־טערט... לידער האבן דעם דניעסטער פארפלייצט, אזוי פול זיינען זייערע נעצן געווען!

פלוצים דערזעען די פישער־אויגן, אז סטאן קאזשוכס פעלד איז באַ־דעקט מיט שלענג; לאנג זיינען די דאזיקע שלענג געווען און גרין און בייז... א גיהנום־שרעק איז געפאלן! און איידער זיי האבן זיך אומגעקוקט איז דאס פעלד געווען פארוואקסן מיט בערן־שטעכערס.

נאָך איידער די זון האָט דעם הימל געשפאלטן האָט שוין סטאן קאָזשוך מיט די יונגע פישער גענומען רייניקן דאס פעלד.

די אייזערנע לאָפּעטעס האָבן געהאקט און די שטעכערס זיינען ווי שדים אף די הענט זיי געשפרונגען און געשטאכן און געשטאכן... דאס פעלד איז רויט געווען פון בלוט... ווי ווילדע חיות האבן די קריסטן אויסגעזען...

גרינע בלעטער, זון איז רויט
און עס טאנצט א טאנץ דער טויט...

ווען די זון האָט זיך אפּן בארג באוויזן, האבן זיך דאָרט אויך פירלעך באוויזן. אידישע פירלעך, באלאדענע מיט סחורות האבן זיך געיאָגט אין דאָרף אריין צום יריד.

איז דער ערשטער סטאן קאזשוך ארויפגעפאלן אף א אידן מיט די ציין ווי א שלאנג מיט גיפט.

די דוינע קרייזלט זיך דאָ מיט אזוי פיל טרויער, אז ווער ס'הערט זי — מוז וויינען...

— צו ווייב און קינדער לאָז מיך אָפּ!..

סטאן צעשפאלט דעם איד דעם קאָפּ...

אריין אין די ארעמע קריסטן דער רוח! פונקט ווי פריער שטעכערס, האבן זיי איצטער אידישע קעפּ געהאקט... געהאקט און אין דניעסטר גע־וואָרפן...

און אזוי ענדיקט דאָ די דוינע:

דניעסטר רויטער, הימל גרויער
און די ערד איז פול מיט טרויער...

א שקאפע איז ניט קיין מענטשעכע

פראָלאָג

און געווען איז עס אונטערן מאָלדאוואנישן הימל און אױף דער מאָלדאַ־וואנישער ערד. און גען איז עס, ווייל ווען ס׳זאל ניט זיין, וואלט מען ניט דערציילט. און געווען איז עס איינמאָל ווי ניט קיינמאָל.

האָט זיך אמאָל א שקאפע געשפאנט מיט ישוב און געשלעפט א וואָגן. און געווען איז די שקאפע א מאָגערע, א דארע, די ביינער האָבן בא איר די פעל שיר ניט געלעכערט, אזוי ארויסגעסטארטשעט האָבן זיי. נאר דער בויך איז בא איר א קיילעכיקער געווען און א פולער און אינווייניק האָט זי געטראגן, ווער האָט געקענט וויסן, צי א שקאפקאלע, צי א לאָשיקל. און היים איז געווען און פליגן האָבן געביסן און אן עק האָט די שקאפע גע־האט א קורצן. האָט זי ניט געוואוסט וואס פריער צו טאָן, צי שמייסן מיטן עק, צי שטעלן א פוס, איז איר שפאן געווארן וואס אמאָל מיושבדיקער און פאוואָליער און א ראָד האָט זיך א דריי געטון איינמאָל אין א שעה...

און אויבן אפן וואָגן זיינען געזעסן דריי מענטשן און איין איד און די דריי מענטשן האבן געהייסן סטאן און בראן און באלאוואן, און דער איד האָט געהייסן קאן. און די דריי מענטשן האָבן זיך ניט געאיילט, ווייל זיי האָבן געהאט א סאך ארבעט און דער איד האָט זיך יאָ געאיילט, ווייל ער האָט גאָר קיין ארבעט ניט געהאט. און די שקאפע האָט דעם אידן ניט געפאלגט און די דריי מענטשן יאָ געפאָלגט און וואס אמאָל זיך ווייניקער געאיילט.

און פלוצים האָט די שקאפע שוין קיינעם ניט געפאלגט און איז שטיין געבליבן און זיך פונם אָרט רירן ניט געוואלט. און סטאן האָט געניוקעט, און בראן האָט זי געשמיסן מיט רימענס פון דער בייטש און באָלוואן האָט

זי געשלאָגן מיט דער פּרוטקע פון דער בייטש און קאָן האָט צו איר גע־טשמאָקעט און די שקאַפּע האָט אַלץ ניט געוואָלט גיין. האָט זי סטאָן אויס־געשפּאַנט און בראַן האט זי ארומגעווישט און באַלאַוואַן האָט זי אַוועקגע־פירט און קאָן האָט איר נאָכגעקוקט.

און די זון האָט זיך שוין דעמאָלט געהאַט ארויפגעדראַפּעט אפן העכ־סטן אָרט און האָט שוין געהאַט געקענט קוקן אף דער גאַנצער וועלט און די גאַנצע וועלט האָט זיך שוין געהאַט געפּרעגלט. און קיין בוים, וואָס זאָל פאַרשטעלן די זון איז ניט געווען, און די דריי מענטשן מיטן אידן האָבן זיך אונטערן וואָגן אנידערגעזעצט, פון איין ליולקע גערויכערט און ווער ווייסט, וואָס זיי וואָלטן געטון, ווען זיי זאָלן זיך ניט געווען געקענט דער־ציילן קיין מעשיות! אפשר וואָלטן זיי אַזוי ווי די שקאַפּע גראָז געקייט...

1.

וואָס עס קאָן יאָ זיין, און וואָס עס קאָן ניט זיין

און דער ערשטער האָט גענומען דערציילן סטאָן. און ער האָט פּאַוואָלי דעם רויך געצויגן און אָנגעהויבן האָט ער בזה הלשון:

— אַט אָ דאָ אַנומעלטן, צוריק מיט צוויי, אדער דריי, אדער פיר, צי מערערע וואָכן בין איך מיר אין מיין שפּייכל ארייננגעגאַנגען און א קוק גע־טון און דערזען, אז די מייז האָבן צעגעסן מיין אַלטע הילצערנע לאָפּעטע...

און אַזוי ווי אַלע האָבן דאָס געהערט און האָבן דאָס ארומגעטראַכט, האָבן זיי אַלע ארויסגערעדט אין איין קול און אין איין אָטעם און מיט דעם זעלבן ניגון:

— עס קאָן ניט זיין! עס קאָן ניט זיין!

און אַז סטאָן האָט דאָס דערהערט און איז רויט געוואָרן, האָט ער אַוועקגעגעבן די ליולקע בראַנען און דערציילן אויפגעהערט און בראַן האָט גענומען דערציילן בזה הלשון:

— אַט אָ דאָ, אַנומעלטן, צוריק מיט איינס, צוויי, דריי, אדער מער וואָכן, בין איך אין קיך ארייננגעקומען, האָב איך דערזען, אז די אייזערנע

האק מיינע וואס איז אף דער וואנט געהאנגען, האבן די מייז אינגאנצן צע־געסן...

און אזוי ווי אלע האבן דאס געהערט און דאס ארומגעטראכט, האבן זיי אלע אין איין קול און אין איין אטעם און מיט דעם זעלבן ניגון ארויסגע־רעדט:

— אט דאס קאן זיין! אט דאס קאן זיין!

און וויסן דארף מען, אז גערעכט זיינען געווען אלע און בראן און ניט גערעכט איז געווען סטאן, ווייל סטאן איז געווען אן ארעמאן און קיין לאפעטע גאר ניט געהאט. און אז ס'איז ניטא, קאנען די מייז אפילו קיין הילצערנע לאפעטע ניט אויפעסן. און בראן איז געווען א בעל גוף און גע־האט א סאך העק און מייז קאנען צועסן אפילו אן אייזערנע האק ווען זי איז דא...

2.

א מעשה מיט א פוילן

און באלאוואן האט גענומען די ליולקע און פארויכערט און גענומען דערציילן און גערדייט מיטן מויל אזוי פאוואליע ווי פריער די שקאפע מיט די פיס:

און יאאן איז אמאל געווען א פאסטוך באם פריץ און איז א גאנצן טאג געלעגן אפן בארג און אונטן האבן זיך די שעפאלעך אין טאל געפא־שעט. און געלאזט די שעפאלעך אליין און קיינמאל זיך ניט גערירט פון ארט, אזא פוילער איז ער געווען, און באנאכט פלעגט ער אלץ לאזן די שע־פאלעך אונטן אליין; און ער האט זיך אלץ ניט גערירט פונם ארט. און די הינט האבן געזען, אז זייער באלעבאס ליגט כסדר מיטן פנים ארויף און האבן זיך אויך אויסגעלערנט אזוי ליגן. און אז די וועלף האבן דערשמעקט דעם ריח פון שאפן־פלייש און פון א פוילן פאסטוך און פון פוילע הינט, האבן זיי זיך זאנאדעט אין טאל אריין און די שעפאלעך פארצוקט און זיך סעודות געמאכט. און ווען די שעפאלעך האבן געזען, אז די וועלף פארצוקן

זיי, זיינען זיך צולאפן איבער די בערגלעך און איבער די טאָלן ביז ס'איז איינס ניט געבליבן.

און ווען דער פריץ האָט געזען, אז קיין שעפאלעך זיינען שוין ניטאָ, האָט ער יאַאנען געשמיסן מיט טרוקענע צווייגן און פארטריבן. און יאַאן איז אוועקגעגאנגען צו זיך אין באָרדייעקל אריין און איז מיט זיין אלטער מאמען געזעסן. און יארנלאנג איז ער אזוי אין באָרדייעקל געלעגן און קיינ־מאָל זיך ניט אויסגעטון, און קיינמאָל ניט אָנגעטון און ווערעם זיינען גע־קראָכן אף אים און פון אים. און אז זיין אלטינקע מאמע האָט לעבן אים סוכארעס אנידערגעלייגט, האָט ער פאוואָלינקע זיי געקייט, און אז קיין וואסער איז ניט געווען, איז ער ניט געגאנגען אָנשעפן.

און איינמאָל איז אין באָרדייעקל פארשלאנדערט געווארן אן אלטער מאָנאך, וואס איז געגאנגען אין א ווייטן קלויסטער אריין גאָט בעטן. און ווען די אלטינקע מאמע האָט דערזען דעם מאָנאך, האָט זי אים געבעטן, אז ער זאָל רעדן צו איר זון און אים אויסלערנען א מענטש זיין.

און דער אלטער מאָנאך האָט גערעדט און גערעדט און דערציילט יאַא־נען וועגן גאָט און וועגן די הייליקע אפּאָסטאָלן און ער האָט אים צוגעזאגט, אז אויב ער וועט ווערן א מענטש, און וועט ארבעטן און וועט גאָט דינען, וועט ער האָבן דעם גן עדן. און דער אלטער מאָנאך האָט גענומען מאָלן און באשרייבן פאר יאַאנען דעם גן עדן, ווי ליכטיק ס'איז דאָרט און ווי שיין עס איז דארט און ווי ס'שמעקט דארט און וואס פאר א קלוגע רייד מ'הערט דארט און ווי אזוי מ'פילט דארט קיינמאָל ניט קיין ווייטיק און קיין זינדיקע געדאנקען זיינען דאָרט ניטאָ.

און יאַאן איז געלעגן, האלב געדרימלט און האלב געהערט, און די אויערנלעפלעך, האָבן זיך בא אים געשאָקלט, און ווען דער אלטער מאָנאך האָט געענדיקט, האָט יאַאן קוים גערירט מיט זיינע לעפצן און שטיל גע־פרעגט:

— און די סוכארעס זיינען דאָרט גענעצט?..

.3

ווען דער וואָלף האָט רעזיגנירט

און קאָן האָט די ליולקע ניט גענומען און דערציילט האָט ער גיך און געאיילט האָט ער זיך נאָך אַליץ, כאָטש די שקאַפּע איז שוין לאַנג געווען אויסגעשפּאַנט און אָנגעהויבן האָט ער זיין מעשה בזה הלשון:

— האָט אַמאָל אַן אָרעמער פּויער געהאַט איין חזירטע און אַז דער פּויער איז אָרעם, איז אָרעם זיין חזירטע, איז זי טאַקע געווען מאָגער ווי א הונט. איז די חזירטע איינמאָל ארויפגעגאַנגען אַפן בערגל מיסט און זיך גע־נומען דאָרט רויען און נישטערן. און אַז דער פּויער איז אָרעם, איז אָרעם אפילו זיין מיסט און די חזירטע האָט גענישטערט און גענישטערט און גאָר ניט געפונען, און ווען די חזירטע האָט גאָרניט געפונען, האָט זי אָנגעהויבן וויינען און כליפּען אַף אַ קול און דער וואָלף האָט איר כליפּען דערהערט און איז געקומען צולויפן און אַף איר רחמנות געקראָגן און זי געוואָלט אויפעסן. און די חזירטע האָט צו אים געזאָגט:

— ביזט טאַקע גערעכט. וואָס פאַר א כריו (לעבן) איז עס, אַז כ'האָב קיינמאָל ניט צו כריוקען (עסן) און ווייל דו ביסט א גוטער, בעט איך בא דיר: אַזוי ווי אין הויף האָב איך צוויי כריוקעלאַך (חזירימלעך), זאָלסט מיך אָננעמען בא אַן אויער, מיך צופירן צו זיי, איך זאָל זיך אביסל אויסכריו־קען (אויסוויינען) און דערנאָך וועסט מיך מעגן אויפעסן.

איז דער וואָלף ווייך געוואָרן, אָנגענומען די חזירטע בא אַן אויער און זי אריינגעפירט אין הויף אריין און אַז זי האָט דערזען אירע כריוקעלעך, האָט זי אָנגעהויבן אַזוי צו כריוקען, אַז אלע פּויערים פון דאָרף האָבן דער־הערט און זיינען געקומען צו לויפן מיט שטעקנס און דעם וואָלף אַזוי צע־קלאַפּט, אַז ער איז קוים א לעבעדיקער אַנטלאָפן.

און ווען דער וואלף איז אַזוי געלאָפן און איז געווען אַזוי בייז און געוואָלט צערייסן יעדן, וואָס ער וועט טרעפן, איז אים אַנטקעגן געלאָפן א פּאַסטוך און ער האָט זיך שטאַרק דערשראָקן און איז ארויף אַף אַ בוים. און דער וואלף האָט זיך גראָד אָנגעשפּאַרט אונטערן זעלבן בוים אַף זיך אָפּצורוען און געזאָגט האָט ער צו זיך אליין:

— אזא טפש זאל איך זיין! פון א חזיר זיך לאזן פארפירן! אז ס'איז ניטא ווער ס'זאל מיך גוט אויספאטשן!

און אז דער פאסטוך פונם בוים האט זיינע ווערטער דערהערט, האט ער גענומען זיין שטעקן און אים דערלאנגט מיטן גאנצן כח אין די קריי־זשעס אריין, און דער וואלף איז אנטלאפן און געשריען אלץ: „א מצוה אף מיר!" און געזאגט צו זיך: „איצטער וועל איך אויפפרעסן יעדן, וואס איך וועל טרעפן" און לויפנדיק אזוי, האט ער דערזען א פערד און געזאגט צו דעם:

— איך מוז דיך אויפפרעסן!

— זייער גוט — האט געענטפערט דאס פערד, — אבער מיך טאר קיין וואלף ניט אויפעסן, לאז מיך דיר ווייזן מיין קאפיטע, וועסטו זען, אז ס'איז דארט אנגעשריבן, אז קיין וואלף טאר מיך ניט אויפעסן.

האט אים דער וואלף געלאזט אויפהויבן דעם פוס און דאס פערד האט אים דערלאנגט מיט דער פאדקאווע אין מויל אריין און אויסגעזעצט אלע ציין. און דער וואלף איז געלאפן א צעווילדעוועטער און פונם מויל האט אים גערונען בלוט און שוים און געזאגט האט ער זיך:

— א לייב אפילו איך זאל איצט טרעפן, וואלט איך אים אויך פאר־צוקט.

און לויפנדיק אזוי, האט ער געטראפן לעבן בארג אן אלטן באק. און דער באק האט שוין ניט געקענט גיין און דער פאסטוך פלעגט אים תמיד שלאגן און ער פלעגט אלץ צוריקבלייבן פון דער סטאדע און זיך אומדרייען א באקיש־טרויעריקער אונטערן בארג.

און ווען דער וואלף האט צו אים א געשריי געטון:

— איך מוז דיך אויפפרעסן!

האט דער אלטער באק געענטפערט:

— לאנג לעבן זאלסטו! וואס פאר א טעם פיל איך דען אין לעבן, אז קיין כח האב איך ניט און דער פאסטוך שלאגט מיך?

און אז דער וואלף האט אים שוין געוואלט אויפפרעסן, האט ער דער־זען, אז ער האט קיין ציין ניט און קען ניט פרעסן. און דער לאם האט אים געגעבן אן עצה:

— דו שטעל אונטער דיין מויל א דאָ, באַם פּוס פונם בארג און איך וועל ארויפגיין אפן בארג און זיך אראָפּקאטשען און אריינפאלן גלייך צו דיר אין מויל אריין.

און דער באָק האָט טאקע קיין חכמות ניט געמיינט און טאקע געוואלט אריינפאלן אין מויל אריין פון וואָלף. נאָר דער וואָלף האָט זיך דערשראקן און אויסגעשריען:

„א חזירטע האָט מיך פארפירט;
א פאסטוך האָט מיר די קריזשעס צעקלאַפּט;
א פערד האָט מיר די ציין אויסגעזעצט;
און איצטער זאָל איך לאָזן א לאָם אויך מיר אָפּטון א שפיצל?
און ער איז אנטלאָפן א טרויעריקער אין וואלד אריין.

4.

וואָס פאר א קאָפּ — אזא קוטשמע.

און אז סטאָן האָט געזען, אז אלע האָבן דערציילט מעשיות און נאָר ער ניט, האָט ער גענומען די ליולקע און אויך דערציילט א מעשה:

— האָט אַמאָל א פויער געהאַט א סטאדע אָקסן און איז אליין אויך אן אָקס געווען. און ווייט איז ער פארקראכן מיט זיין סטאדע, אז ער האָט אזש די היים ניט אָנגעזען. האָט ער באגעגנט אן אנדער פויער און יענער פויער האָט געהאַט א סטאדע שעפּסן. רופט זיך אָן דער צווייטער פויער צום ערשטן:

צו וואָס דארפסטו זיך שלעפּן אזא ווייטן וועג מיט אָקסן? ס'איז שווער. לאָמיר זיך בייטן: נעם דיר מיינע שעפּסן און גיב מיר דיינע אָקסן.

איז דער ערשטער פויער גאָר פרייליך געווארן און קושנדיק דעם צווייטן פאר דער גרויסער טובה וואָס ער האָט אים געטון, האָט ער גענומען זיינע שעפּסן און איז אוועק.

אפן וועג האָט ער באגעגנט א דריטן פויער און יענער האָט געהאַט א סטאַדע חזירים. רופט זיך אָפּ דער דריטער פויער:

— צו וואס דארפסטו האָבן די שעפּסן? וואס וועסטו מיט זיי מאכן? אָט גייט צו יום טוב, נו, וועסטו האָבן פון זיי חזיר שמאלץ? דו נעם און גיב מיר אוועק דיינע שעפּסן און נעם דיר מיינע חזרים.

איז ער גאר פרייליך געווארן. געלאזט די שעפּסן, גענומען די חזרים און איז אוועק אין וועג אריין.

אפן וועג האָט זיך אַנעדרגעלייגט איין חזיר און געפּייגערט.
האָט זיך אַנידערגעלייגט א צווייטער חזיר און געפּייגערט.
האָט זיך אַנידערגעלייגט א דריטער חזיר און געפּייגערט.
האָבן זיך אַנידערגעלייגט אלע חזרים און געפּייגערט.

געבליבן איז נאר איין קליינטשיק חזירל. האָט עם דער פּויער געקוילעט. פון די פּיסלעך געמאכט א כאָלאָדעץ און די פעל האָט ער אָפּגעשונדן און געטראָגן צום קירזשנער ער זאָל אים מאכן א קוטשמע. דער קירזשנער האָט זיך געקנייטשט, געקנייטשט און צונויפגעשטארכעט פון דער חזירשער פעל א קוטשמע. און ווען ער האָט אפּגעבראַכט דעם פּויער די חזירשע קוטשמע, האָט ער צו אים געזאָגט:

— זי איז מיאוס, צעקנייטשט...

און דער פּויער האָט זיך דערלאַנגט מיטביידע הענט אין קאָפּ אריין און אויסגעשריגן:

— וואס פאר א קאָפּ — אזא קוטשמע.

עפּילאָג

און ווען סטאַן האָט געענדיקט זיין מעשה, האָט זיך שוין די זון פארשטעקט צווישן די וועלדל־בוימער אפן בערגל. די שקאַפּע האָט זיך אומגעדרייט און געטשיפּעט א גרעזל און לעבן איר אף דער ערד איז געלעגן א קליין נאָס לאָשיקל. האָבן סטאַן און בראַן און באַלאוואַן און קאַן גענומען דאָס לאָשיקל און אריינגעלייגט אין וואָגן אריין. די שקאַפּע האָבן זיי איינגעשפּאַנט און — וויו!.. די שקאַפּע איז געלאָפן ווי א פייל פון בויגן. א שקאַפּע איז ניט קיין מענטשיכע.

און אזוי איז באשאפן געוואָרן די ערד

און מער ווי וואסער און פינצטערניש איז נאָך דעמאָלט ניט געווען. און אָן סופיק איז געווען דאס וואסער און דאס פינסטערניש אָן סופיק, און דער שטן האָט איבער דעם פינסטערניש געוועלטיקט.

נאָר גאָט האָט שוין דעם שטן מנצח געווען, ער איז שוין געווען שטארקער פון אים אף איין האָר און אים שוין געקאנט באפעלן. און איין ליכטיקן גערדאנק האָט שוין גאָט פארמאגט און א בליק אזוינעם האָט ער שוין פארמאגט, וואס האָט געקאנט דורכשניידן דעם שטנס ממשלה, דאס פינצטערניש, און אריינוואַרפן אהין א העלן פאס.

און דאס וואסער האָט געשטראַמט און געשטראַמט אָן איין רגע אויפ־הער און גאָט האט אומגעבלאנקעט איבער די כוואליעס אין תוהו ובוהו־דיקן רוים אָן עלנטער, א מידער, איין ליכטיקן גערדאנק נאָר האָט ער גע־האט אין מח און איין ליכטיקן שטראַל אין אויג. און גאָט האָט געלעכצט נאָך מנוחה. איין רגע מנוחה האָט ער בארארפט און וועלטן וואלט ער בא־שאפן, נאָר די כוואליעס האבן אליץ געשטראָמט און גאָט האָט איבער זיי געבלאָנקעט.

און איינמאל האָט גאָט גערופן דעם שטן און צו אים אזוי געזאגט:

— נידער אראפ אין תהום, נעם א שטיק ערד און בריינג עס מיר ארויף. דאס שטיק ערד וועט פון דיר וועלן אנטלויפן, זאָלסטו די גאנצע צייט זאָגן אָט דעם שפרוך:

„ערד, ערד, גאָט רופט דיך”.

האָט דער שטן געפאלגט און איז אין תהום אראפגענידערט, א שטיק ערד גענומען און זיך אומגעקערט. נאָר גאָטס שפרוך האָט ער אף זיינע רוחישע לעפצן ניט געוואלט בריינגען. „איך בין נאָך שטארק גענוג —

האָט ער געזאגט — אז איך זאָל קענען צונעמען ערד באם תהום אָן גאָטס הילף. דער תהום איז מיינער". נאָר ווען דער שטן איז צו דער אויבער־פלאך צוגעקומען איז די ערד געווען פארשוואונדן און זיינע לאַפּעס זיינען געווען הויל ווי דאס פינצטערניש פון רוים.

און אז גאָט האָט געזען, אז דעם שטנס הענט זיינען הויל, האָט ער אים געפרעגט:

— שטן, שטן, ווידערשפעניקער גייסט, וואו איז די ערד?

— די ערד אנטלויפט פון דיר — האָט דער שטן געלאַכט.

— שטן, שטן, ווידערשפעניקער גייסט! האָסט מיין שפּרוך ניט גע־זאגט און די ערד איז פון דיר אנטלאָפן. נידער אראָפּ, נעם א שטיק ערד און זאָג: „ערד, ערד, גאָט רופט דיך".

און דער שטן האָט אראָפּגענידערט, א שטיק ערד גענומען און ווידער גאָטס שפּרוך ניט געזאגט. און געקלערט האָט ער: „איך בין נאָך שטארק גענוג ווי גאָט, איך בין נאָך אזא האַר ווי ער איבערן תהום, כ'האָב נאָך די ערד שלעכט געהאלטן איז זי פארשוואונדן". און מיט זיין גאנצן רוחישן כוח האָט ער די ערד געהאלטן, נאָר ווען ער איז אויף דער אויבערפלאך ארויף, האָט ער מער קיין ערד ניט געהאט און די לאַפּעס זיינען בא אים געווען צעבלוטיקט.

און גאָט האָט געשמייכלט מיט זיין איינציקן ליכטיקן שטראַל, וואס האָט דעם שטן געשטאָכן ווי א פייער־שפּיז און ר'האָט צו אים אזוי גע־זאגט:

— שטן, שטן, ווידערשפעניקער גייסט! ביז ווען נאָך וועסטו ניט פארשטיין, אז איך בין שוין שטארקער פון דיר אויף א האָר? דו ביסט נאָך גאָלע פינצטערניש און וואס מער דו וועסט מיר ווידערשפעניקן, אלץ שוואכער וועסטו ווערן. נידער אראָפּ, נעם א שטיק ערד און זאָג: ערד, ערד, גאָט רופט דיך!

— און אז ניט? — האָט דער שטן בייז אויסגעשריגן.

— אז ניט — האָט גאָט געענטפערט — וועל איך דיך פארטיליקן אין גאנצן!..

— און פון דיר, וואס וועט בלייבן?

— פון מיר איין האר, פון דיר גאָר ניט!

און הכנעהדיק, ווי אַ הונט, איז דער שטן אין תהום געגידערט, אַ שטיק ערד גענומען, גאָטס שפּרוך געזאָגט און דערמיט אַף דער אויבער־פלאך געקומען, א שטויבעלע האָט ניט געפעלט.

און גאָט האָט די ערד גענומען. זי אַף אַ שטח וואסער פארשפּרייט, זיך אַף דער פארשפּרייטונג געלייגט און איז איינגעשלאָפן. צום ערשטן מאָל איינגעשלאָפן.

און דער שטן איז געשטאַנען און געקוקט אַף גאָט. מיט פינצטערע געדאנקען און פינצטערע אויגן געקוקט. און א פינצטערער רעיון האָט דעם רוחישן מח אַ טאָרע געטון:

— איצטער קאָנסטע פון גאָט פּטור ווערן. איין שטויס טו אים און ער וועט אין וואסער ארײנפאלן, די כוואליעס וועלן אים פארפלייצן און דו וועסט ווערן דער איינציקער האר אַף פינסטערניש און וואסער.

און דער שטן איז שטיל צוגעגאנגען צו גאָט, אים אַ שטויס געטון... האָט זיך די פארשפּרייטונג נאָכגעצויגן... האָט דער שטן א צווייטן שטויס געטון, האָט זיך די פארשפּרייטונג ווייטער געצויגן...

אַ טאָג און אַ נאכט האָט דער שטן געשטויסן גאָט און די פאר־שפּרייטונג האָט זיך נאָך אים געצויגן און אלע וואסערן פאר־דעקט...

און אזוי איז די ערד באשאפן געווארן!

און וואס מערער דער רוח שטויסט גאָט, אלץ גרעסער ווערט די ערד!

מיטן אייגענעם כח

אין א לאנד מיט הויכע בערג און טיפע טאָלן, מיט גלייכע ברייט־גאָלדענע פעלדער און קרום־שלענגלענדיקע, בלויע טייכן איז געווען אמאָל א מלך. און אַלט איז געווען דער דאָזיקער מלך — שוין אפשר זיבעציק, צי אכציק יאר, נאָר קיין קינדער האָט ער ניט געהאַט. און א טבע האָט געהאַט דער מלך: טאָג בא טאָג פלעג ער אויפשטיין אינײנעם מיט דער זון, נעמען די ביקס אף די פּלייצעס און גיין אין װאלד אריין אף יאגד.

גייט ער איינמאל אזוי אין װאלד, זוכט, נישטערט און געפינט גאָרניט; די זון איז איינמאל דורכגעגאנגען דעם גאנצן הימל פון מזרח ביז מערב, זיך באהאלטן און ארויסגעשיקט אף איר ארט די לבנה מיט די שטערן, א צווייט מאל אזוי געטון, צום דריטן מאל אזוי געטון און דער מלך האָט אַלץ גאָרניט געפונען.

דעם דריטן באנאכט האָט דער מלך דערזען מיט זיינע טרויעריקע אויגן א זשאבע. זי איז געזעסן א בוים געשטאַנען, מיט די גרינע לאַפּקעלעך געשאָקלט, מיט די אייגעלעך געפונקלט און מיטן פּיסקל „קריאת שמע" געקוואַקעט. האָט דער מלך א כאַפּ געטון די ביקס, א ציל געטון און דער־שאָסן די זשאַבע אף טויט.

האָט אין דערהיים די קיכנע פון דער זשאַבע געמאכט א מאכל, איז עס געווען אזוי געשמאַק, אז אין ניין לענדער האָט מען זיך דערפון ניט געקענט אפּלויבן.

און נאָך ניין חדשים איז די מלכה געלינגן געוואָרן, געבוירן איין זון, געבוירן צוויי זין, געבוירן דריי זין. האָט דער מלך געלערנט דעם ערשטן זון גבורה, דעם צווייטן — חכמה און דריטן זון — שווימען אפן וואסער.

גיך דערציילט זיך א מעשה, טוען טוט זיך פּאַוואָלי. צוואנציק יאר

זיינען פארבייגעגאנגען און די זין זיינען געווארן גרויס. דער ערשטער איז געווען א געזונטער, א שווארצער מיט בייזע, ברענענדיקע אויגן, דער צווייטער איז געווען א שוואכער, א בלאנדער מיט גוטע בלויע אויגן און דער דריטער איז געווען א לאנגער מיט ווייכע בייגנדיקעביינדלעך און מיט אויגן, וואס זיינען תמיד געווען באהאלטן אין די ווייעס, ווי א שווערד אין א שיידל, נאר האבן זיי זיך אמאל ארויסגעכאפט פון דארט, האבן זיי א גרינעם גלאנץ געווארפן.

גליקלעך איז געווען דער טאטע, דער מלך, גליקלעך איז געווען די מאמע, די מלכה, גליקלעך איז געווען דאס לאנד, פון גליק האבן געחלומט די זין.

איינמאל אין א טאג האט דער מלך געשיקט רופן זיין ערשטן זון דעם גבור און צו אים געזאגט:

— ווייסט, זון מיינער, וואס דיין טאטע האט דיך גערופן?

— אז דו וועסט זאגן, טאטע קרוין, וועל איך וויסן!

— הער מיך אויס: איך בין שוין מער אלט ווי יונג, איך וויל זאלסט חתונה האבן, איך זאל האבן וועמען מיין שווערד איבערגעבן!

דו ביסט גערעכט, טאטע! נאר חתונה האבן וויל איך דורך מיין גבורה, ניט דורך דיינער!

האט דער מלך געשיקט רופן די מלכה און געפרעגט איר עצה. האט די מלכה געזאגט:

— גוט איז מיט קינדער, שלעכט איז אן קינדער, לאז זיין אזוי!

האט דער מלך געבראכט צו זיך דעם צווייטן זון, דעם חכם און צו אים געזאגט:

— ווייסט, זון מיינער, וואס דיין טאטע וויל?

— זאל טאטע קרוין זאגן, וועל איך וויסן!

הער מיך אויס: איך בין שוין מער אלט ווי יונג, איך וויל זאלסט חתונה האבן, ס׳זאל זיין ווער ס׳זאל מיין קרוין אנטון!

— דו האסט רעכט, געטרייער טאטע, נאר חתונה האבן וויל איך דורך מיין חכמה, ניט דורך דיינער!

האט דער מלך געשיקט רופן די מלכה און בא איר געפרעגט, האט

די מלכה געענטפערט:

— גוט איז מיט קינדער, שלעכט איז אָן קינדער, לאז זיין אזוי!

האָט דער מלך געלאזט ברייננען דעם דריטן זון, דעם שווימער, און אים געזאגט:

— טרעף, זון מיינער, דיין טאטנס פארלאנג!

— אז דו וועסט מיר זאגן, טאטע קרוין, וועל איך וויסן.

— הער זשע מיך צו, זון מיינער, וועט דיר גוט זיין: איך בין שוין מער אלט ווי יונג. איך וויל זאלסט חתונה האָבן, ס'זאל זיין ווער ס'זאל אף מיין געבענטשט לאנד ארומפארן און אכטונג געבן דערויף.

— דו ביסט גערעכט, טאטע הארציקער, אָבער חתונה האָבן וויל איך דורך מיין שווימען, ניט דורך דיינעם.

האָט דער מלך געשיקט רופן די מלכה, בא איר זיך אָנגעפרעגט, האָט די מלכה געענטפערט:

— גוט איז מיט קינדער, שלעכט איז אָן קינדער, לאז זיי אזוי!

אפן צווייטן טאג האָבן די דריי זין זיך צעקושט מיט די עלטערן, מיטגענומען שפייז און דריי פערד און אוועק אין וועג אריין.

דרייסיק טעג און דרייסיק נעכט זיינען די דריי ברידער געריטן, ביז זיי זיינען צוגעקומען צו א פעלזנשטיין. אף דעם דאָזיקן פעלזנשטיין איז געווען אָנגעשריבן:

„וואויל וועט זיין דעם ,וואס וועט גיין רעכטס!"

„וואויל וועט זיין דעם, וואס וועט גיין לינקס!"

„ווי וועט זיין דעם, וואָס וועט גיין פאראויס!"

האָט דער גבור א זאג געטון צום צווייטן ברודער:

— דו האסט געלערנט חכמה, גיי רעכטס!

און צום דריטן ברודער האָט ער געזאגט:

— דו האסט געלערנט שווימען, גיי לינקס!

און מיט פייער אין די אויגן האָט ער גענדיקט:

— איך האָב געלערנט גבורה, וועל איך גיין פאראויס! נאָר איידער מיר צעשיידן זיך, באגראָבן מיר אונזערע רינגלעך אונטער דעם דאָזיקן פעלזנשטיין און מיר שווערן זיך טריישאפט. אף דעם פלאץ וועלן מיר

זיך טרעפן .אף ווענמענס רינגל ס'וועלן זיין דריי טראפן בלוט. דער איז אין א סכנה און מ'מוז אים לויפן רעטן!

האבן אלע דריי אויסגעטון די רינגלעך, זיי באגראבן, דריי מאל גע־שוואוירן טריישאפט, זיך צעקושט און זיך צעשיידט.

איז דער עלטערער ברודער געריטן זיבן טעג און זיבן נעכט ביז ער איז אנגעקומען אין א געדיכטן וואלד אריין. אין מיטן וואלד, אונטער א גרויסן, צעוואקסענעם דעמב האט זיך געקוועלט א קוואל. האט זיך דער גבור אנידערגעזעצט נעבן קוואל עסן.

פלוצים זיינען אנגעקומען דריי פאוועס. די דאזיקע דריי פאוועס זיינען געווען דריי פארכישופטע פרינצעסנס. אן אלטע כשוף־מאכערן האט זייערע עלטערן איינעם מיטן גאנצן לאנד פארשטיינט אין א יום טוב־דיקן טאג און זיי געמאכט פאר פאוועס. האבן די פאוועס אויס־געטון די פעדערן און אריין אין א קוואל אריין זיך באדן. די עלטערע צוויי זיינען באלד ארויס צוריק, אנגעטון די פעדערן און אוועק־געפליגן און די יונגסטע איז געבליבן אין קוואל און איר קול האט פון דארט ארויסגעקלונגען:

— ביסטו, פרעמדער מענטש, אן אלטער מאן, זאלסטו זיין מיין טא־טע, ביסטו אן אלטע פרוי, זאלסטו זיין מיין מאמע, ביסטו א יונגערמאן, זאלסטו זיין מיין ברודער און ביסטו א יונג מיידל, זאלסטו זיין מיין שוועסטער.

האט דער גבור געענטפערט:

איך בין א יונגער מענטש און איך וויל זיין דיין חתן!

האט די פאווע געזאגט:

מיין חתן קענסטו ווערן נאר דעמולט, ווען דו וועסט מיר בריינ־גען פון מיין טאטנס פארכשופטן פאלאץ מיין כלה־העמד. איך וועל דיר געבן א סימן דערויף: בא די זוימען זיינען אויסגענייט גרינע פעלדער, אף ביידע אקסלען צוויי מלאכים און אף דער ברוסט איז אויסגעהעפט די גאל־דענע זון.

— איך גיי און בריינג! — האט דער גבור געזאגט!

— וועסטו זיין מיין חתן, האט די פאווע געענטפערט, נאר געדענק:

אין ערשטן צימער זאלסטו ניט אריינגיין, אז ניט וועט זיין וואויל צו מיר און ווי צו דיר!

דריי טעג און דריי נעכט איז דער גבור געגאנגען ביז ער איז אָנגעקומען צו א טייך, האָט ער זיך אף אים געלאזט שווימען, ביז ער איז צוגעקומען צום פארכשופטן פאלאץ. דאס כלה העמד האָט ער געפונען. בא די זוימען האָבן זיך געגרינט פעלדער, אף די אקסלען האָבן מלאכים די פליגל צעשפרייט און אף דער ברוסט האָט געשיינט די זון. א גליקלעכער האָט ער זיך געלאזט לויפן דערמיט, נאָר פלוצים האָט ער זיך אפגעשטעלט און זיך אליין א שטראפרייד געזאגט:

— א גבור זאל מורא האָבן אריינצוגיין אין אַ צימער? און ער האָט אריינגעשפאנט אין ערשטן צימער אריין. אזוי ווי ר'האָט נאָר די טיר געעפנט, איז אים א ווינט אַנטקעגן געקומען און אויסגעכאפט דאס העמד. מיט ווילדן אימפעט האָט ער זיך געלאזט יאגן נאָכן ווינט. שיער, שיער האָט ער אים געכאפט... נאָר דער ווינט האָט א רעדל געמאכט, אריינגעדרייט דעם גבור אהינצו און אליין איז ער אנטלאפן מיטן העמד...

אַ טרויעריקער, האָט דער גבור א צווייט העמד גענומען און זיך געלאזט אין וואלד אריין צום קוואל.

— איצט האָט אים די פאווע געזאגט — היט זיך! זאלסט וויסן, אז ס'וועט זיין ווי צו דיר און וואויל צו מיר.

דער גבור האָט זיך ניט אפגעשראקן. נאָך אין יענער נאכט האָבן זיי חתונה געהאַט. עדות זיינען געווען די לבנה און די שטערן און באזונגען האָבן זיי די פייגל.

זיי האָבן זיך אויפגעבויט אין מיטן וואלד א פאלאץ און זיך דארט מיט גליק באזעצט.

מיר וועלן זיי לאזן גליקלעך זיין און לויפן זען, וואס איז געווארן מיטן העמד.

דער ווינט האָט עס געטראגן, געטראגן, ביז ער האָט עס פארטראגן אין דעם זון־לאנד פונם רויטן קיסר. דאָרט האָט דער ווינט אויפגעהאָנגען דאס כלה־העמד פון דער פארכשופטער פרינצעסן אף די הערנער פון א פלוג. האָט דער פויער פונם פלוג געכאפט דאס העמד און עס געטראגן

צום רויטן קיסר. דעם רויטן קיסר איז דאס העמד זייער געפעלן און ער האָט דעם פויער דערפאר גוט באלוינט.

באנאכט איז דער רויטער קיסר טרויעריק געוואָרן: ר'האט זיך פאר־ביינקט נאָכן מיידל פונם העמד. האבן אים זיינע דינער געזאגט, אז דאָס מיידל קען אים נאָר ברענגען די קרומע כישוף־מאכערן, די אייגענע כישוף־מאכערן, וועלכע האָט יענץ לאנד פארשטיינט.

האָט דער רויטער קיסר געגעבן א באפעל, אז ביז פיר און צוואנציק שעה זאל מען זי ברענגען. זיינען די דינער ארוים אין לאנד אריין און תיכּף געבראכט די כשוף־מאכערן.

— ברענג מיר דאָס מיידל — האָט דער רויטער קיסר געזאגט — איך וועל דיר דערפאר געבן וויפיל דו ווילסט אליין.

— קיין געלט — האָט די קרומע כשוף־מאכערן געזאגט — דארף איך ניט. מיר וויל איך זאלסט געבן א האלב פון דיין מלוכה.

האָט דער רויטער קיסר געטראכט א ביסל און געזאגט: — גוט! איך גיב דיר א האלבע מלוכה און ברענג זי מיר!

נאָכן אונטערשרייבן פון קאָנטראקט, האָט די קרומע כישופמאכערן זיך געהייסן געבן דאס שענצטע פערד פונם שטאל. האט מען עס איר געגעבן. אזוי ווי זי האָט זיך נאר געזעצט דערויף, איז עס געוואָרן מיאוּ־סער פון אלע.

מיט איין שפּרונג איז די כישופמאכערן שוין געווען אין וואלד באם פּאלאץ. אנגעקומען איז זי אהינצו ווי אַן ארימע אלטע באבע און זיך געבע־טן אף נאכטלעגער, האָט מען זי אריינגעלאזט. איז זי געווען זייער גאסט אף עטלעכע טעג. אפן דריטן טאג האָט די בעסטיע דעם יונגן פּרינץ, דעם גבור, קראנק געמאכט.

זעענדיק ווי דער גבור קרעכצט, האָט די „באבע" מיט רחמנות געזאגט צו אים:

— איך וועל דיך פירן צו א טייך, וועלכער האָט אזוינע וואסערן, וואס היילן פון יעדער קראנקהייט.

איז דער גבור געגאנגען מיט דער „באבע". ווען זיי זיינען צוגעקו־מען צום טייך, האָט אים די „באבע" געהייסן אריינגיין. דער גבור האָט

געפאלגט און אזוי ווי דער גבור איז נאר אריינגעגאנגען, איז פון זיין שווערד געווארן א שטיק האָלץ און פון אים אליין — א שטיין.

די בעסטיע האָט גיך געכאפּט דאס פערד, ארויפגעצויגן דערויף די פּרינצעסין און מיט איין שפּרונג איז זי מיט איר געווען באם רויטן קיסר.

אז דער רויטער קיסר האָט דערזען די פּרינצעסין, איז ער פאַרבלענ־דעט געווארן. ר׳האָט שוין געוואלט מיט איר חתונה האָבן. האָט די פּרינ־צעסין זיך צו אים אפּגערופן:

איך האָב געהאַט א מאַן, ער איז געשטארבן. א יאר מוז איך נאָך אים טרויערן. בוי מיר אוים א פּאלאץ אין מיטן פעלד, גרייט מיר אָן שפּייז אין אים פאר א גאנץ יאר, מאך אין מיטן א קוואל און גיב מיר א באדינערן, וואס זאל ניט זיין עלטער פון צוועלף יאָר און צום ענדע פון יאר וועל איך מיט דיר חתונה האָבן.

האָט דער רויטער קיסר געמוזט אזוי טון.

די צוויי ברידער פונם גבור האבן געבלאָנדזעט רעכטס און לינקס און גאָרניט געקאנט געפונען. נאָך א סאך טאָג וואָגלען און וואנדערן, האָבן זיי זיך ביידע אומגעקערט צום פעלזן־שטיין. זיי האבן באלד אויפגעגראבן זייערע רינגלעך און דערזען, אז אפן עלטערן ברודערס רינגל זיינען דאָ דריי טראָפּן בלוט. האָט דער צווייטער ברודער, דער חכם, א קוק געטון אפן הימל און א זאָג געטון צו דעם דריטן:

— קום!

זיינען זיי ביידע געגאנגען ביז זיי זיינען צוגעקומען צום טייך, וואו זייער עלטערער ברודער איז געליגן: האָט דער חכם געקוקט אפן הימל און געזאגט צום שווימער:

— שווים אריין אין טייך אריין!

איז ער איינמאל אריינגעשוואומען און גאָרניט געפונען, א צווייט מאָל אריינגעשוואומען און אויך גארניט געפונען, צום דריטן מאל האָט ער ארוים־געשלעפּט א שטיק האָלץ מיט א שטיין. אזוי ווי ער האָט זיי נאָר ארויסגע־שלעפּט איז פון שטיק האָלץ געוואָרן א שווערד און פון שטיין — דער

עלטערער ברודער (אין דער לופט איז קיין צויבעריי ניט געווען).

האבן זיך אלע דערפרייט און מיט טרערן אין די אויגן זיך צוקושט. דער גבור האָט זיי אויסדערציילט וואס אים האָט געטראפן און געענדיקט:

—איצטער לאָזט מיך לויפן זוכן מיין ווייב!

פונקט אין טאָג, ווען באם רויטן קיסר האָט געדארפט זיין די חתונה, איז דער גבור אנגעקומען אין זון־לאנד. די גאסן זיינען געווען באפוצט און באצירט. אָרקעסטרען האָבן אומעטום געשפילט און רייטער זיינען ארומ־געפלויגן.

האָט דער גבור זיך אנגעפרעגט וואס דאָ איז, האָט מען אים דערציילט די גאנצע מעשה פונם העמד, פון דער כישוף־מאכערן און פון דער פרינ־צעסן און מען האָט אים אנגעוויזן דעם פאלאץ, וואו די פרינצעסן וואוינט.

האָט דער גבור באלד פארשטאנען, וואס דאָ איז און דורך דעם קוואל איז ער אריינגעשוואומען אין הויף פון זיין באשערטער.

די באדינערן, איז געקומען מיטן קריגל נאָך וואסער, האָט זי דערזען א פרעמדן יונגנמאן. דער גבור האָט איר באפוילן שווייגן און אים דער־לאנגען א טרונק.

די באדינערן האָט זיך דערשראָקן און אים דערלאנגט דאָס קריגל. ער האָט אָפּגעזופּט אביסל וואסער, אריינגעלאָזט זיין רינגל אף דעם אָרט און דאס קריגל איז געווארן ווידער פול. די באדינערן איז באלד דערמיט ארויפ־געלאָפן צו איר הארנטע.

די פרינצעסן האָט נאָר גענומען דאס קריגל האָט זי תיכף דערזען איר רינגל דאָרט און האָט געפרעגט מיט היץ:

— ווער איז דאָ געווען?

— קיינער ניט! — האָט די באדינערן געענטפערט מיט מורא.

— זאָג מיר ווער איז דאָ געווען כ׳וועל דיר גאָרניט טון!

— קיינער ניט!

איז די פרינצעסן בייז געווארן און אויסגעשריגן:

— זאָג מיר ווער איז דא געווען, איך הארגע דיך!

האָט די באדינערן זיך צעוויינט און געזאגט:

— זיי מיר מוחל, הארנטע! ס׳איז געקומען אהער א יונגערמאַן. זיינע

קודליעם זיינען שווארץ ווי דער הימל אין א לבנה־לאָזער נאכט, זיינע אויגן זיינען — צוויי פלאמען. ער האָט א קוק געטון אף מיר, האב איך ניט גע־קאנטביישטיין און אים געגעבן טרינקען.

האָט די פרינצעסן זי א גלעט געטון באם קאָפּ און געזאגט:

— האב ניט קיין פחד... פיר ארויף דעם האר צו מיר. טו אוים דיינע קליידער און גיב זיי אים. דו אליין אנטלויף פון דאנען. אבער אף אזא פלאץ, אז קיינער זאָל דיך דריי טעג און דריי נעכט ניט זען.

האָט די באדינערן ארויפגעבראכט דעם גבור, אויסגעטון אירע קליידער און זיי אים אנגעטון, א קוש געטון דעם זוים פונם קלייד בא איר הארנטע און איז אוועק.

דאס באַשערטע פּאָר האָט זיך א רגע צוזאמענגעגאָסן אין טרערן. נאָר די פרינצעסן האָט באלד אויסגעשריגן:

— ציים קיין סאך איז ניט געבליבן. טו אזוי ווי איך הייס דיר, וועט זיין וואויל צו אונז ביידע. דו גיי שוין אוועק. קום אין קיסרם שטאָל אריין, זאָג, אז דו ביזט א פרינץ און ווילסט קומען ווי א רייטער צו דער חתונה. וועטן דיר וועלן גיבן א שיין פערד, זאָלסטו ניט נעמען. זאָלסט זיך הייסן גיבן דאס מיאוסטע פערד, וואס שטייט אין סאמע עק שטאָל. פאר־נאכט זאָלסטו קומען צו דער חתונה, דעם קיסר זאָלסטו באגריסן ווי א רייטער מיט דער שווערד און מיר זאָלסטו גיבן די האנט און אזוי ווי דו וועסט מיר גיבן די האנט, וועל איך שוין זיין אפן פערד און מיט איין שפרונג — זיינען מיר שוין העט ווייט.

האָט דער גבור אזוי געטון און אזוי ווי ער האָט זיין באשערטער נאָר דערלאנגט די האנט, איז זי שוין געווען נעבן אים און זיי זיינען אוועק ביז אין פארכשופטן פאלאץ. דאָרט האבן זיי זיך געביטן מיט די קליידער און באם טויער האָבן זיי ארויסגעשטעלט דער פרינצעסנס בילד.

אז דער רויטער קיסר איז געבליבן אונטער דער חופה אליין, איז ער א פארשעמטער א היים געגאנגען און געגעבן א באפעל, אז מ׳זאל אים באלד ברייננען דעם פויער פונם העמד און די קרומע כשופמאכערן. איז עס באלד געשען.

— מיר קענען זי געפונען — האָט די כשופמאכערן געזאגט — נאָר

דו, קיסר אונזערער, מוזט מיט אונז מיטגיין.

אין קיסרס הארץ האָט געברענט ווי אין א גהינום נאָך דער פּרינצעסן, האָט ער געזאָגט: איך גיי מיט דיר ביזן עק וועלט, אבי מיר זאָלן זי געפינען.

האבן זיך אלע דריי, דער רויטער קיסר, דער פויער און די כשופמאַכערן, זיך געלאָזט גיין ביז זיי זיינען אנגעקומען צום פארכישופטן פּאלאץ. אין טויער האָבן זיי דערזען דער פּרינצעסנס בילד, האבן זיי זיך גאָר דערפרייט, האבן זיי געוואַרט א טאג און צוויי און קיינער איז ניט ארויסגעקומען. אפן דריטן טאָג האבן זיי אריינגעשיקט דעם פויער.

— וועמען זוכסטו? — האָט אים די פּרינצעסן געפרעגט.

— דאָ איז געווען א פרוי — האָט ער געענטפערט — איר בילד איז אין טויער?

— דאָס איז זי? — האָט די פּרינצעסן געפרעגט אנווייזנדיק אפן איבערגעקליידעטן פּרינץ.

— ניין!

בא דעם וואָרט האָבן זיי אים אנגענומען און פארשפּארט אין א צימער.

דער רויטער קיסר מיט דער כישופמאכערן האָבן געוואַרט א טאג און ווען זיי האָבן געזען, אז דער פויער קומט ניט, איז די כישופמאכערן אריינגעגאנגען.

דער גבור מיט דער פּרינצעסן האָבן די בעסטיע געכאַפּט און פארמאכט אין א צווייטן צימער.

האָט דער רויטער קיסר געוואַרט א טאָג און איז אליין אריינגעגאנגען. האט דער גבור אנטבלויזט צו אים די שווערד און געזאָגט:

— איך קאן דיך הארגענען, נאָר — איך לאָז דיך לעבן. שטעל זיך אף די קניעס, שווער, אז דו וועסט חתונה דורך דיין גבורה, ניט דורך א פרעמדנס און אנטלויף.

האָט דער רויטער קיסר זיך געשטעלט אף די קניעס, געשוואוירן און איז אוועק.

אפן צווייטן טאָג האָבן זיי דעם פויער אויך באפרייט, אפן דריטן טאָג האבן זיי ארויסגעפירט די כישופמאכערן און צו איר גערעדט מיט דער אנטבלויזטער שווערד:

— דו קענסט אויפשטיינערן דאָס לאַנד, וועלכעס דו האָסט אמאָל פארשטיינט און מאכן צוריק לעבעדיק די מענטשן, אז ניט הארגענען מיר דיך שוין.

— איך קען — האָט די כישופמאכערן געענטפערט — נאָר שווערט מיר, אז איר וועט מיך לאָזן לעבן.

דער גבור מיט דער פרינצעסן האָבן געשוואוירן.

אין יענער רגע האָט די כישופמאכערן צעוואָרפן צויבערייען איבערן גאנצן לאַנד און אלע זיינען לעבעדיק געוואָרן. אָרקעסטערן האָבן געשפּילט גלייך ווי דער יום־טוב איז ניט איבערגעהאַקט געוואָרן.

— וואס פאר א שווערער חלום! — האָט דער קעניג אויסגערופן ווי־שנדיק זיך די אויגן.

די פרינצעסן האָט דעם קעניג מיט דער קעניגן באלד דערציילט אלצ־דינג, וואס ס'איז געשען און דער קעניג האָט אראפּגענומען זיין קרוין און זי אנגעטון זיין איידעם דעם גבור.

תּיכף זיינען אנגעקומען די איבריקע צוויי שוועסטער און אזוי ווי זיי האבן נאָר אראפגעווארפן די פערדן, איז אנגעקומען דער חכם מיטן שווימער.

אין יענעם טאג איז געווען א גרויסע שמחה אין לאַנד: א קרוינונג מיט צוויי חתונות. אפילו די קרומע כישופמאכערן האָט געטאנצט. אָרקעסטערס האבן געשפּילט, אז ז'האבן די הימלען צונעמען...

און ווען זיי זאלן ניט געווען שטאַרבן, וואלטן זיי געווען געלעבט עד היום.

טאָדאָר

הונדערט יאָר אוועקגעלאָפן
זייט די מעשה זיך געטראָפן
מיט דעם פאַסטוך טאָדאָר
באַ די ברעגעס פון דער טינע,
דאָך דערציילט מען זי עד היום
אױף די לאָנקעס אױף די גרינע.

טאָדאָר איז געווען אַ פאַסטוך
אַ באָלגאַר מיט אַ טשאַפּראָנקע *)
טאָג ווי נאַכט ער שאָף געפּאַשעט
באַ דער טינע אױף אַ לאָנקע.

און אַ צאַרטער איז געווען ער,
פאַסטוך טאָדאָר און אַ גוטער
זיך מיט שעפּאַלעך געשפּילט ער
ווי מיט קינדערלעך אַ מוטער

האָט זיך איינס צוקלאַפּט חלילה
האָט ער דאָס אַרומגעבונדן
און געצערטלט און האָלובעט,
מיט דער צונג געלעקט די וואונדן.

---

*) אַ לייבל, וואָס באָלגאַרן טראָגן אָנשטאָט אַ רעקל

און א נס פּלעג ווייזן טאָראָר:
אויפגעשפּרייט אַף טינע זיין טשאַפּראַנקע
און געגאַנגען אַפן וואַסער,
ווי מ׳גייט זיך אַף א לאָנקע.

ניט געקענט ער לייענען, שרייבן,
איז אין קלויסטער ניט געגאַנגען
און פאַרשטאָפּט זיך אַזש די אויערן
פאַר די קלויסטערשע געזאַנגען.

ר׳האָט זיך שטענדיק רק באַהאַלטן
פאַר דעם קלאַנג פון קלויסטער גלאָקן
און האָט ער נאָר דערזען א גלח,
האָט דאָס האַרץ זיך אים געשראָקן.

נאָר געהאַט א תפילה אַזעלכע
דער באַלגאַר מיט דער טשאַפּראָנקע
און אַף טייך אַרומגעשפּאַנט זיך
ווי מען שפּאַנט זיך אַף א לאָנקע.

האָט דעם גלח זיך פאַרגלוסט,
— אָט דעם רוח דעם צאָפּעוואַטע —
זיך נאָר פּלוצעם צו פאַרשטעלן
פאַר דעם פאַסטוך טאָראָרם טאַטע.

ר׳האָט גענומען זיך פּאַוואָלי דרייען
אַף דער לאָנקע אַף דער גרינער
און גענומען טאָראָרן לערנען
פונם קלויסטער דעם „אָבינו״.

און דער שטילער, גוטער טאָדאָר
מיט די אויגן, ווי די לאמפּן טאמעוואטע
האָט געגלאצט און האָט געלערנט
און געגלויבט ער איז זיין טאטע

— — — — — — — — — — — — —

און געשען איז דאָן דאָס אומגליק:
דער בולגאַר מיט דער טשאפּראנקע
האָט ניט מער געקענט שוין שפּאַנען
אפן טייך ווי אַף דער לאַנקע.

ר׳האָט געשעפּשעט דעם אבינו,
אין די כוואליעס אים ארייגעזונגען
און די כוואליעס גלייך ווי פרעמדע,
ניט דערקענט אים און פארשלונגען...

און אזוי איז נעבעך טאָדאָר
מיט דעם קלויסטערשן אבינו
אומגעקומען שוין אַף אייביק
אין דעם תהום פון אונזער טינע.

הונדערט יאָר אוועקגעלאפן,
זייט די מעשה זיך געטראפן
מיט דעם פּאסטוך טאָדאָר
בא די ברעגעס פון דער טינע
דאָך פארשעלט מען דאָרט עד היום
פונם קלויסטער דעם אבינו...

די פיש אנטלויפן...

די זון האָט זיך ערגעץ אין וועג פארלוירן און מיר איינגעהילטע אין שאָטנס פון הימלען און וואסערן, האָבן זיך געשיפט אין דער נאכט אריין. די שטילע כוואליעס פון דער בלויער טינע, וואס זיינען שוין געווען נאכט־פארביק, האָבן געשארכט ווי זיידנס און ווען ניט דאָס מינען זיך פון די זומפּ־פייערלעך און דער „קווא קווא" פונם זשאבע־כאָר, וואלטן מיר גע־קענט מיינען, אז חוץ אונז זיינען שוין קיין לעבעדיקע באשעפענישן ניט פאראן צווישן הימל און וואסער.

מיר — איך און אן אלטער פישער, דער באלעבאָס פונם שיפל — האָבן זיך אזוי שטארק געלאָזט פאנגען פונם ארומאונארום, אז מיר האָבן דאָס שיפל איבערגעלאָזט אפן באראָט פון די כוואליעס און דעם ווינטל. דער אלטער פישער האָט ארויסגעלאָזט די וועסלעס און איך — דעם „רול" און דאָס שיפל האָט זיך אליין געשיפט. סיי דער שטראָם, סיי דאָס לייכטע ווינטל זיינען געגאנגען אין זעלבן וועג, וואס מיר האָבן געדארפט — מיר, מיינט שוין דאָס מאָל איך אליין, ווייל דער פישער האָט קיין שום וועג ניט געדארפט, ער האָט געדארפט נאָר עטלעכע גראָשן פארן וועג.

און אזוי ווי דאָס שיפל האָט זיך פאוואָלי געשיפט, האָט זיך דאָס וואַ־סער פאוואָלי אויסגעשטערנט. דאָס וואסער? מסתמה איז דאָס געווען, ווייל דער הימל האָט זיך אויסגעשטערנט. נאָר אזוי ווייט קוקן האָב איך שוין ניט געוואלט. ס'איז מיר געווען גענוג דאָס וואסער...

דוכט זיך אזאַ נאָענט־היימיש וואסער. געבוירן בא די ברעגעס פון דעם דאָזיקן און דער וועג אליין אויך שוין אומצייליקע מאָל דורכגעמאכט און דאָך האָבן זיך פארשידענע, נייע געפילן גערעגט. פלוצים האָט פאר מיר אויסגעוואקסן מיין עלטער־זיידע. אויסגעוואקסן אין דער גאנצער גרויס. כאָטש, מאכשאָוועסן, איך האָב דאָך אים ניט געקענט, מ'האָט דאָך מיר

פון אים נאָר דערציילט... יאָ, עפּעס האָט ער אַ שייכעס געהאַט צום טייך: ער איז אין אים אַמאָל שיער ניט דערטרונקען געוואָרן.

...דער דאָזיקער עלטער־זיידע, וואָס האָט געהייסן ר׳ חיים ליטוואַק, איז געווען דער ערשטער פון אונזער משפחה, וואָס האָט זיך ארויסגעריסן פון דער מאָגערער ליטע און זיך איינגעפּלאַנצט אין דער פעטער בעסאַראַ־ביע. ער האָט אונזער משפחה דאָ איינגעפּלאַנצט. אַ ליטווישער אַנימעלט שוין דאָ אין דעם. איז ער אַמאָל אין אַן ערב סוכות געפאָרן דעם זעלבן וועג. אויסגערעכנט האָט מען, אַז אָנקומען אין שטעטל אריין — דעמאָלט איז עס נאָך געווען אַ דערפל — וועט מען פונקט, ווען ס׳וועט נאַכט ווערן; אין טייך וועט מען זיך ניט טאָרן טובלען און קיין מקווה איז אינם היינטיקן שטעטל און דעמאָלדיקן דערפל ניט געווען. און ערב יום טוב מוז מען זיך טובלען — אַ דין אין שולחן ערוך. און אַ דין אין שולחן ערוך איז פאַר מיין עלטער זיידן דעם ליטוואַק געווען גאָט אליין. האָט מען אים געמוזט צובונדן מיט אַ שטריק, אראָפּלאָזן אין דער טינע און טובלען. ער איז שיר אליין ניט דערטרונקען געוואָרן און שיר ניט איבערגעקערט ס׳גאַנצע שיפל...

און איך אליין — אויך אַ סאַך מאָל בין שיר ניט דערטרונקען געוואָרן. ניט צוליב טבילה, ניין! איך האָב דאָך געמאַכט אַ מייל אַ טריט און אָפּ־געטרעטן מיט טויזנטער טריט פון מיינע זיידעשע וועגן. זיך געוואָלט אויסלערנען קינדוויז שווימען און בחור׳וויז געזוכט „רוסאַלקעס”. און איינמאָל האָט מיר אַ רוסאַלקע אזוי אריינגעזונגען אין הארצן אריין, אַז כ׳האָב שיר ניט פאַרלוירן הענט און פיס... און נאָך שפּעטער, שיפּנדיק זיך איבער דער טינע ניט מיט וואַסער־מיידלעך, נאָר מיט... שטאָט־מיידלעך, האָב איך זיך אריינגעוואָרפן אין דער טינע אריין מסתמא מיט אַ סאַך מער טעמפּעראַמענט ווי דער זיידע, אָבער אַלץ זיך ניט טובלען, נאָר כאַפּן אַ מיידלעש היטעלע, וואָס די כוואַליעס האָבן געוואָלט אוועקטראָגן...

און די כוואַליעס האָבן זיך אַלץ קוים געוויגט, שאַרכנדיק ווי זייד. ווער ווייסט, אפשר זיינען דאָס די זעלבע כוואַליעס, וואָס האָבן געוואַשן די פרום ווייסע לייבער פון מיינע באָבעס, וואָס זיינען געגאַנגען אהער טבילה האָבן און די זיידעס, באהאַלטנדיק זיך צווישן אָט די ווייכנדיקע ווערבעס האָבן זיי געהיט?..

— דו ביסט עפּעס באַקענט מיט פיש?

געפרעגט האָט דאָס מיך מיין פירער, דער אַלטער פישער. א פּנים, אז אים האָבן די כוואַליעס ווייניקער געכאַפּט און ווייניקער דערציילט ווי מיר און ער האָט זיך אביסל געלאַנגווייליקט און געוואָלט עפּעס ריידן. כאָטש — ער האָט דאָך א סאַך מער איבערגעלעבט אין די דאָזיקע וואַסערן ווי איך, אָבער אים מיט זיין שיפל האָבן דאָך די כוואַליעס טאָג בא טאָג צו צוויי מאָל געוואַשן.

— באַקענט — האָב איך געענטפערט — ניין...

— אָבער געגעסן האָסטו שוין א סאַך פיש — האָט ער געשמייכלט.

כ'האָב זיך דערמאָנט, אז צוריק ניט לאַנג האָב איך, זעענדיק א קוואַטשקע ארומגייען מיט הינדעלעך און איך האָב געמיינט אז ס'זיינען קאַטשקעלעך, כאָטש געגעסן האָב איך אזוי פיל... מיין מאָגן וואָלט שוין גע־מעגט זיין א הינערשער און קאַטשקעדער בית עולם...

— געגעסן, אוואַדע זיידעניו... ווער עסט ניט קיין פיש בא דער טינע?

— טאַקע די זיסטע פיש בא דער טינע, איך בין אליין געווען באַם פרוט, באַם דניעסטער, באַם דניעפּר אפילו... אזוינע ניטאָ...

— ס'זאָגט יעדער אזוי.

— ס'זאָגט יעדער און ווייסט ניט און איך וויים. ס'איז דאָך די זיסטע וואַסער אין דער וועלט. און אז דער פיש גיט א קום אריין פונם ים מיט זיינע פאַסקודנע געזאַלצענע וואַסערן אהערצו, ווערט ער פעט און זיס. מיר וואוינען דאָך דאָ באַם ים. פּרוּוון מיר אמאָל, מיר כאַפּן פיש באַם פּאַס, וואָס ס'טיילט אָפּ די טינע פונם ים. פון יענער זייט איז דאָס וואַסער גרין און לויטער, פון דער זייט — בלוי און קאַלאַמוטנע. זיינען די פיש באַם פּאַס מאָגער, אָן טעם און ווייטער מיט איין האַלבן וויאָרסט צו אונז צו, זיינען זיי שוין אָנגעגאָסן מיט שמאַלץ און זיס...

— יאָ, יאָ — האָב איך געבאָמקעט, ניט וויסנדיק וואָס אים צו זאָגן. געוואָלט האָב איך שטאַרק אים דערציילן די מעשה וועגן פיש, וואָס כ'האָב געדענקט — האָב איך אָבער געקלערט, אז ער ווייסט זי שוין...

— און אז פיש האָבן פאַרשטאַנד, גלויבסטו?

דאָס מאָל האָב איך אים שוין געמוזט אָנקוקן — כ'האָב אים דוכט

זיך ביז איצט גאָרניט געזען. אין אַלטער באַלגאַר געווען די גרויע הערהלעך פונם האַלב אויסגעקראַכענעם קאָפּ האָבן זיך נאָך געקרויזט ווי בא א לאַם און זיינען געווען אונטערגעשוירן אין א „פּאַדסקאָפּע”. די וואָנצעס און ברעמען האָבן אזוי שטאַרק ארומגעצוימט זיין פּנים, אז ס'האָט זיך גע־דוכט אז דאס גלאַט־שטיקל ראזירט פּנים איז אויך פּאַרדעקט.

ער האָט געהאַט אַ נאַריש פּנים, אבער ער האָט ווייך געזאָגט:

„טייבאַלע”.

כ'האָב קלאָר אים געזען פאר זיך פאַרטאָג, ווען דאָס וואסער שניידט נאָך אין די הענט פאר קעלט, ווי ער גלעט די פיש פון זיין פולער נעץ און שרייט צו זיי: —

„טייבאַלעך מיינע טייערינקע”

איי די דאזיקע „טייערע טייבאַלעך” וועלן באַלד אויסגיין פאר דורשט און שפּעטער אביסל וועלן זיי זיך קאָכן אדער פּרעגלען — דערויף זיינען זיי דאָך פיש...

— זאגסטו — האָב איך צו אים גערעדט אף זיין לשון און אים גע־דוצקעט — אז פיש האָבן פאַרשטאַנד?

— פאַרשטאַנד ווי מיר מענטשן, כאָטש זיי זיינען שטום... פאראַן אין לימאַן, נעבן אקערמאַן, פיש אזוינע, וואס הייסן „בוציעס”. ווייסטו פאר וואס זיי הייסן „בוציעס”?

— פאר וואָס.

— דער לימאַן איז אויך, פּונקט ווי די טינע, נעבן שווארצן ים, אָבער פון יענער זייט. און דער בוץ איז דער זעלבער פיש, וואס דער טינע־הערינג. ער געפינט זיך פריער אין ים און אז ער טרעפט דעם וועג, ווערט ער א פעט־טער און זיסער ווילקאָוועער*) הערינג, ווייסט ער אָבער ניט דעם וועג—פאר־קריכט ער אין לימאַן אריין, ווערט פון אים גאָרניט... דערפאר רופט מען אים „בוץ” — א בוץ איז ער, א גרויסער נאַר... און דאָרט וואו ס'זיינען פאראַנען נאראָנים, זיינען פאראַן אויך קלוגע... פאראַן פיש, וואס לאָזן

---

*) ווילקאָוו — אַ שטעטל וואס געפינט זיך באַם פּאָס, וואס גיסט צונויף די טינע מיטן שווארצן ים.

זיך גרינג כאַפּן אין דער נעץ אריין און פאַראַן פיש, וואָס לאָזן זיך ניט...

אָט אַ שטייגער אייערע פיש, די אידישע מיט די ליסקעס, כאַפּן זיך גרינג... צי ווייל אידן האָבן מזל, צי ווייל איר בעט אייער גאָט, צי ס׳איז עפּעס אַ ניט ריינער כּוח דערביי, אַ כּישוף — ווייסטו דאָך בעסער, אָבער זיי כאַפּן זיך...

האָט ער גערעדט און איך האָב זיך פאַרטראַכט: זאָגט ער, אַז פיש האָבן פאַרשטאַנד און איך ווייס נאָך ניט, צי מענטשן האָבן פאַרשטאַנד. פאַר וואָס איז ער ניט מסוגל צו פאַרשטיין, אַז ליסקע פיש הערן דעם אידישן כּישוף ווי דער רוח ויהו נועם?.. און ער איז דאָך מסתמא שוין פופציק יאָר פישער אין זעלביקן טייך, פאַר וואָס ווייסט ער ניט, אַז ס׳זיינען דאָ פאַראַן מער פיש מיט, ווי אָן ליסקעס?.. איך בין געווען ניכטער, האָב איך ניכטעריש שטום געטראַכט, ער איז געווען פון עפּעס אַ שווערן געדאַנק שכּור, האָט ער שכּוריש געפּלאַפּלט:

— איצטער כאַפּן זיך שוין אייערע אויך שווער... עך, עך, ס׳דאָ איז געוואָרן! גאָטס ברכה אַמאָל דאָ געווען. מ׳האָט קיין נעץ ניט געדאַרפט האָבן, די האַנט האָט מען אריינגעשטעלט און ארויסגענומען פיש, היינט — וואָס? שווער, שווער...

— פאַר וואָס זשע?

אלץ איבער אייערע, די אידן... זיי האָבן אריינגעבראַכט אהער די „פאַראַכאָדן” (דאַמפּשיפן). איז דאָך קלאָר, אַז די פיש שרעקן זיך און אַנטלויפן...

— אַנטלויפן?

— נו, געוויס... אָט אַ שטייגער, ווען מ׳זאָל נעמען פליען מיט אַזאַ גרויסער זאַך איבער דיביימער, וואָלטן די פייגל ניט איבערגעלאָזט די נעסטן און ניט אַנטלאָפן? און ווען מ׳פאָרט מיט אַזאַ גרויסער זאַך איבער מענטש־לעכע שטיבער, וואָלטן די מענטשן, וואָס זיינען שוין קליגער, ניט אַנט־לאָפן? טאָ פאַר וואָס זאָלן די פיש ניט אַנטלויפן?

— און ס׳זיינען טאַקע דאָ ווייניקער פיש?

— וואָס מער „פאַראַכאָדן” — אלץ ווייניקער פיש... און וואָס האָט

מען צו זיי? קלוגע חיות, „יעי באָגו"... קלוגע... און מ׳טרייבט זיי, א זינד, א גרויסע זינד... א פּאגאנע און שעדלעכע חיה איז דער מענטש... לעב און זאלן אנדערע אויך לעבן... איז ניין, טרייבט ער...

דאָס שיפל האָט זיך אלץ געגליטשט אף די שטילע כוואליעס, וואס האָבן געשארכעט ווי זייד, דאָס ווינטל האָט אלץ קוים געגלעט און דער טייך איז אלץ געווען אויסגעשטערנט. און ס׳איז געווען מאָדנע צו קוקן ווי עס האָבן געגלאנצט טרערן אין די אויגן פון אלטן פישער. טרערן... ס׳האָט א באלגאר באוויינט אין א רואיק־שטילער נאכט די פיש, וואס אנטלויפן פאר ציוויליזאציע, פאר וועלכער ס׳האָבן מורא אויך זיינע ברידער, די בולגארן...

גאָט

זיין טאטע — נחמן שמש האָט ער געהייסן — האָט זיין מאמע — חוה שרה די סארווערין האָט מען זי גערופן — ניט ליב געהאַט, איז ער — גולם האט מען אים גערופן — געבוירן געווארן א תם.

און ווייל די מאמע האָט אים קיינמאל ניט געצוואגן, האָט ער געהאַט אן אומריינעם קאָפּ; און ווייל די מאַמע האָט אים קיינמאל ניט געבאדן, איז בא אים דער קערפּער געווען באדעקט מיט קרעץ.

און אויסגעקומען איז עס אזוי: מ׳האט צוליב חופה וקידושין פון א רב געמאכט א גולם און פארגעסן אין אים א נשמה ארייננבלאָזן, האָט ער זיך אומגעוואלגערט אין קיך. איז געליגן אף שמאטעס און געפּוילט צוזאמען מיט זיי.

אמאל, ווען ער איז נאָך קליין געווען, האָט מען דאך זיך אף אים אומגעקוקט, א שכנס א מיידעלע האָט אים אפילו בא דער נאָז געטאפּט און געוואלט זען, צי ר׳האט א נשמה. שפּעטער אבער, ווען ער האָט דאס זעלבע מיידאלע אין דער האנט א ביס געטון, האָט מען זיך שוין מער ניט אומגע־קוקט אף אים און געלאזט כסדר ליגן און רעווען און גלאָצן מיט די אויגן.

נאָר ווען דער פאָטער נחמן שמש פלעג פון שולעכל אהיימקומען א בגילופינדיקער און זיך אנידערזעצן מיטן אלטן געצל — א געוועזענער ני־קאלאיעווסקי סאלדאַט — און שמועסן וועגן גאָט, פלעג ער זיך ארויסרוקן פון דער קיך אף זיינע צוויי קלעצערדיקע פיס און זיך אנידערלייגן אף דער ערד און הערן.

און איינמאל, ווען דער פאָטער האָט גערעדט מיטן אלטן געצל וועגן גאָט, האָט דער גולם דאס צעפּוילטע מויל געעפנט און געזאגט:

— איך הײנט געזען גאָט.

און ווען דער פאָטער האָט דאָס דערהערט איז ער חלשות געפאַלן, נאָר דער אַלטער געצל האָט זיך נימ פארלוירן און געפרעגט:

— ווי אזוי זעט ער אוים?

האט דער גולם געענטפערט:

— איך באלד זאָגן.

האָט דער אַלטער געצל פארשטאַנען, אז ס'וועט דאָ געשען עפּעס אזוינס, וואָס יעדערער דאַרף וויסן, האָט ער נחמנען אויפגעמונטערט און חוה שרהן געהייסן גייען רופן די גאַנצע שטאָט. און ווען די גאנצע שטאָט איז זיך צענויפגעקומען און דער אַלטער רב איז אויך געקומען, האָט דער אַלטער געצל געזאגט צום גולם:

— דערצייל!

האָט דער גולם דאָס מויל געעפנט און דער עולם האָט די אויערן אנ־געשטעלט און דער גולם האָט געזאגט אזוי צו זאגן:

— א הויכער געווען... גרויסע באָרד וויים געווען... גוטן שאָפּענעם פּעלץ געהאט... שטיוול ניי געווען, אנגעשמירט מיט דיאָטי... שטאַרק פעט געווען אנגעשמירט... גוטע קוטשמע געהאט... גרויסע... אויגן געקוקט שטאַרק... גאָט געווען.

האָט דער רב געזאגט: אין פוילן וואָלט מען אים פאר א רבין געמאכט, אין בעסאַראַביע זאָל ער ווייטער זיין א גולם...

נחמן און זיין מפורש

הקדמה

די צייט האָט זיך איר שׂמחה־מאַנטל, וועלכן זי שפּרייט אויף רעכטס און אויף לינקס; און פאַלט אַרויף דער דאָזיקער מאַנטל אויף ערגעץ אַ לעבנס־ווינקל איז — אָפּגעזעגנט זיך און — אַ סוף. אַ געדיכטער נעפּל לייגט זיך ווי אַ וואָלקן אויף דעם דאָזיקן ווינקל און פאַרהוילט עס לעולם ועד.

אַ היבשער קימאַ־לן פון יאָרן איז שוין אין תהום אַריין פאַרקראָכן, זייט די אַלטיטשקע באָבע־צייט איז פאַרבייגעגאַנגען, דאָס שטעטעלע ק., זיך אָפּגעשטעלט באַם דאָרטיקן הייליקן אָרט און פאַרשפּרייט אָן עק פון איר שׂמחה־מאַנטל אויף צוויי קברים, וואָס ליגן באַאַנאַנדער.

ווייסט מען אין שטעטל, אַז אין קבר, וואָס צום פאַרקן צו, ליגט נחמן דער משוגענער און אין שכן־קבר, וואָס צום טויער צו, ליגט פייוול דער גמרא־מלמד. ווי אַזוי אָבער איז געקומען דערצו, אַז אַ גמרא מלמד זאָל ליגן נעבן אַ משוגענעם? איז עס אַ שטראָף פאַר אַ זינד?

אין פּנקס פון חברה ש״ס, וואו פייוול איז געווען אַ לאַנגע צייט גבאי ראשון, איז וועגן דעם פאַרשריבן בזה הלשון: „אין דער צוואה פונם מנוח התורני, ר׳ פייוול עליו השלום איז אַנגעשריבן: „לייגט מיך נעבן מיין ידיד נחמן און אַז איר וועט מיר וועלן שטעלן אַ מצבה, שטעלט זי איבער אונ־זערע ביידע קברים און שרייבט אָן: „הנאהבים והנעימים בחייהם ובמותם לא נפרדו״. דאָס ערשטע האָבן מיר מקיים געווען, מיר האָבן פייוולען גע־לייגט נעבן נחמנען. דאָס צווייטע אָבער, כפי עס שטייט אין דער צוואה: „אויב איר וועט וועלן שטעלן מיר אַ מצבה״, האָבן מיר רחמנות געהאַט אָפּן כבוד פון אַ בעל תורה און כלל קיין מצבה ניט געשטעלט, השי״ת זאָל העלפן, אַז מיר זאָלן ניט נכשל ווערן...״

ווי אזוי איז געקומען דערצו, אז ס'זאל פארקניפּט ווערן א ירידות צווישן א למדן און א משוגענעם? די אמתע סבה ליגט פארהוילן און פארגעסן אונטער דער צייטס שכחה־מאנטל. ווען מען פרעגט, ענטפערט ער „איך וויים ניט!"

צוויי זיינען נאך דאָ אין שטעטל, וואס דערציילן עפּעס: ר' אייזיל מלמד און אהרן שרייבער. ביידע זיינען שוין אלט און עובר בטלדיק. זייערע מעשיות זיינען אפילו ניט קרוב לאמת. בא ר' אייזלען רעדט ארוים קנאה און שנאה פונם האלדז, (ער האָט געהאט אמאל מיט פייוולען א פרנסה־סכסוך) און אהרן שרייבער פארקריכט מיט זיינע מעשיות אריין אין אלף השישי פון חקירה און פילאָזאָפיע.

ביידע אבער מעקען שוין אין פעלד אריין. דער מלאך המות שפּילט זיך נאך אביסל מיט זיי ווי א קאַץ מיט א מויז. אָט, אָט, גיט ער ביידע א פּאַק און די צייט שפּרייט שוין איר שכחת־מאנטל. מיר איילן זיך דערפאר באַטש זייערע מעשיות ארויסצורייסן פון דער פארהוילעניש.

I

ר' אייזלס מעשה

ר' אייזלס קאָפּ געפינט זיך שוין באלד אף איין שטה מיט דער מיט פון זיין חוט השדרה, אזוי אנגעבויגן איז ער. די ברעמען האבן זיך בא אים אזוי צונויפגעוואקסן, אז ווי שטאַרק ער זאל ניט הויבן די וויעס, זעט מען קיין אויגן ניט ארוים. ס'איז שוין אפילו שווער צו דערקענען וואו ס'ענדיקט זיך בא אים וואנצע און וואו ס'הויבט זיך אָן באָרד. א שטיקל שפּיץ פון א ליפּ קען מען בא אים נאָך אנזען, נאָר ווען ער הוסט, ניסט און כראקעט אין איין צייט. א ווארט ארויסרעדן איז שוין בא אים אזוי שווער בקריעת ים סוף, דאך איז ער תמיד מוכן ומזומן דערציילן די מעשה מיט פייוולען און נחמנען. ער דערציילט זיי תמיד מיט דעם זעלבן נוסח, אז זי מאכט דעם רושם פון אן אויסגעלערנטער און וויפיל מאָל ער ניסט פון דער טאַבעקע, וואס ער שמעקט, זאגט ער „ט'האָב איך געניאָסן!", ווענדיק באַווייזן דערמיט, אז זיינע ווערטער זיינען אמת"!

„ומעשה שהיה — הויבט ער אָן, כח היה: איך בין נאָך דעמאָלט געווען א, כע... יונגערמאַן. נאָך פון קעסט ניט אַראָפּ. כ'האָב שוין אבער דעמאָלט אונטערגעקנעלט. ניט געהאַט קיין קנעלונג, נאר אזוי א פּאָר נגי־דישע צאַפּעקלעך.

גיי איך אזוי איינמאל אין א פרימארגן אין כע... אין בית המדרש אריין. זומער כעלות, ס'איז נאָך גרין געווען אין דרויסן. ס'איז נאָך שווער מפריד צו זיין בין חמור לערוד. זע איך אזוי שטיין צוויי פרעמדע פאר־שווינדלעך און קריגן זיך. איך געדענק זיי עד היום, גלייך נעכטן.ביידע זיינען געווען „קאפעליושן". אָנגעטון ווי דייטשן. איינער איז געווען א לאַנ־גער, אַ דארער מיט קנאָפּ אין האלדז און איינער כע... פּציע... א קליינ־טשיקער, א גראבטשיקער... כ'האָב זייער מחלוקת געהערט. באזני שמעתי. זיי האָבן זיך געהאַט אפּגעשמועסט, אז איינער פון זיי ווערט גמרא מלמד אין שטעטל און דער צווייטער — שטאָט־משוגענער. האָבן זיי זיך געקריגט... כע... ביידע האָבן געוואלט ווערן — איר הערט? — שאָט־משוגענער...

איר לאכט?.. וועל איך אייך ניט דערציילן... פּציע! ט'האָב איך גע־נאָסן! ביידע האָבן געוואלט ווערן שטאָט־משוגענע... ווי אזוי ס'איז דארט געווען — ווייס איך ניט. צי זיי האָבן געצויגן קניפּלעך, צי זיי האָבן גע־מאכט אַן אנדער גורל, נאר בשעת איך האָב נאָך געלייגט רבינו תמס תפילין, איז שוין דער קליינטשיקער געזעסן אין בית המדרש איבער א גמרא און געלערנט. כ'בין געווען דער ערשטער, וואס כ'האָב אים שלום געגעבן כע, כע... ס'איז געווען פּייוול.

גיי איך צוריק פונם בית המדרש און זע אפן מארק א גרויסן עולם. כ'קום צו נעענטער... פּס... דער לאנגער שטייט און האלט זיך צו מיט דער לינקער האנט בא דער לינקער באק און לאכט אזוי, אז — ס'איז א פחד געפאלן... קינדער האָבן זיך איבערגעשראקן און צעוויינט!

אודאי האָבן זיך געפינען א פּאָר בעלי בתים, וואס האָבן א פרעג געטון: היתכן? ווי אזוי שרעקט מען עס אזוי איבער א שטאָט? האָט דער דאָזיקער משוגענער נחמן געענפט א פּה קדוש... אן אימה איז געפאלן! איך בין קראנק! — האָט ער געשריגן — דאָס לאכן מאכט מיך געזונט... מענטשן זעען א פרעמדן, א קראנקן, פרעגט מען אים ניט: צי ער האָט צו עסן, צו

טרינקען, צו שלאפן, נאר מען שרייט! „א בושה איז דאס פאר אידן"... כע, כע...

בניה ביה איז אויסגעוואקסן פייוול און אנגעהויבן דרשענען... עפעס אזוי מין פריקרע, עפעס פילאזאפיש... ווייס איך וואס... א משוגענער האט ער געזאגט, איז א גאון... דאס לאבן קומט פון אדערן, נערוון... נחמן איז א גרויסער מענטש...

כ'האב באלד געזאגט אז פייוול איז נאך א גרעסערער משוגענער פון נחמנען. אידן זיינען דאך אבער פארט אברהם אבינוס אייניקלעך, האט מען זיי תיכף געגעבן צו עסן.

כע, כע... א שטות געדענקט זיך: חנהלע... פציע! דער פריערדיקער משוגענער פונם שטעטל, א שוואך בריאהלע, איז יענעם טאג געווען טויט... שאלטיקעס האבן דערציילט, אז דער דאזיקער חנהלע האט אין יענעם טאג געפרואווט נאכמאכן נחמנס געלעכטער אין באדגעסל. נחמנס שטעל האט דעם דאזיקן חנהלען טאקע געניזוקט. אומעטום האט מען נאר געהערט נחמן, נחמן... אף חנהלען האט זיך שוין קיינער ניט אומגעקוקט. אפילו קצבה האט מען אים געגעבן וויניקער... ער איז טאקע נעבעך גיך געשטארבן...

קכו... און מיך, מיינט איר, האט דער דאזיקער פייוול ניט געניזוקט?.. ניט שייך צו זאגן... א שוכן עופר... נאר ר'איז דאך געווען א כלב שבכלבים, האט ער געקענט דקדוק, אודאי האט ער מיר אפגעטשעפעט א פאר נגידישע צאפעס...

א ווארט האב איך אים דעמאלט יא געזאגט: ביסט דאך, האב איך אים געזאגט, יונגער פון מיר, נאר די קאפאטע ועסטו מיטן אייבערשטנס הילף גיבן פאר מיר... און — ס'איז מקוים געווארן: ער איז דאך שוין אף יענעם עולם ווייס איך וויפיל און איך... קכע, קכע... ברוך השם...

II.

אהרן שרייבערס מעשיות

אהרן שרייבער קאן זיין איז נאך עלטער פון ר' אייזלען, נאר — ער מענטשט זיך. דעם קאפ האלט ער אין איין פאררייסן ארויף און רעדנדיק האלט ער אין איין הוסטן ווילנדיק אויסהוסטן דאס הייזעריקייט פון זיין אלטן

האלדז ארוים. ס׳העלפט אים אבער ניט און זיין אמאָליקע באריטאָן־שטימע דרינזשעט ווי א צעריסענע סטרונע.

אין שטעטל האָט ער אין זיין צייט געשפילט א וויכטיקע ראלע: א חוץ דעם, וואס ער איז דאָ געווען דער ערשטער אפיקורס, האָבן זיך — ביז די שקאָלעס זיינען ארוים — אלע יונגלעך און מיידלעך פון דאנען, געלע־רנט באַ אים שרייבן אַ אידיש בריוול און א רוסישן אדרעס. זיין וויכטיקייט האָט אהרן תמיד אליין אפגעשאצט און גערעדט דייטשמעריש. איבערהויפט זייט ער האָט זיך צוריק מיט דרייסיק יאר געמאכט אן אָפעראציע אין בערלין, איז מיט אים, זאגט מען אין שטעטל — ניט צו רעדן, אזוי „דייטש״ רעדט ער...

אהרן האָט אויך ליב צו חכמענען זיך באם רעדן, דערציילנדיק א שטייגער איבער בערלין וואו „ער איז געווען״, קען ער א זאג טון: אך! דאס איז זאָ וייט, דאסט מאַן זעט עס אזש ניט אָן!

וועגן פייוולען מיט נחמנען רעדט ער זייער גערן, אָבער — ער מאכט דערביי קונצן און קנייטשט דערביי מיטן שטערן אף א גאנץ פילאָזאָ־פישן אופן, פארויכערנדיק א ציגאר, וועלכן זיינע ציטערנדיקע הענט דער־טראגן קוים צו די ליפן, מען זעט ממש, אז ס׳איז א משא פאר אים, כאפט ער א קוק אפן רויך און גיט א הוסט אונטער:

יאָ... אַ טיפער ענין! איך אליין, דארפט איר וויסן, בין אין דעם דאָ־זיקן פאַנאַטישן שטעטל נאָך צוריק מיט א יובל יאָר געגאַנגען פראנק און פריי אום שבת מיטן שטעקן... דער רב פון דאנען איז קעגן מיר ארויסגעטראטן און איז דאָך געווען מיינער א גוטער ברודער. אַ לאַנדסמאַן מיינער געווען. איך בין דאָך אַ ליטוואַק, כאַ, כאַ... ניט קיין בעסאראביער!

און איך זאָג אייך, אז פייוול דער מלמד איז געווען אַ משכיל... וואס דען? אָן אָפענער קאָפּ געווען... ער איז געווען באַ זיי, באַ די חברה שס־ניקעס, א גבאי און אַ מאכער... ער איז דאָך געווען גמרא מלמד אין א גראָב בעסאראביש שטעטל! איר ווייסט דען ווי גראב זיי זיינען געווען?.. ווען איך בין אהער געקומען, צוריק מיט פופציק יאָר, פלעג אלע שבת אפן מארק זיין באַ די אידן, פונקט ווי באַ די וואָלעכן זונטיק, א „זשאָק״, וואו יונג און אַלט, קינד און קייט האָבן געטאנצט. אידן מיט טיכלעך און אידן מיט

שטריימלעך האָבן געטאַנצט.. אָבער מיר האָבן זיי פּיין באַארבעט. איך, דער רב און פּייוול. מיר האָבן אויסגעאַרבעט אַן איסור און אַ חרם אויף דעם דאַזיקן „זשאָק"... כאַ, כאַ... דער עולם האָט אָפּן רב געזאָגט, אַז ער האָט פאַרשטערט אידישע שמחות...

איר קענט דען בעסאַראַביע? ווען איך בין געקומען, איז דאָס גאַנצע שטעטל ק. נאָך געליגן אָפּן באַרג, וואָס קענגן דער טינע. אָ! נאָך ניט אַזוי צעוואַקסן ווי היינט. זומער פּלעגן אַלע שלאָפן אין דרויסן, אַלע... און... בויגט אייך אָן... החליפו נשותיהן זו בזו... יאָ, יאָ... זיך געביטן מיט די ווייבער...

און בײַ די דאָזיקע גראָבע יונגען, האָט דער בידנער קערל, דער פּייוול געדאַרפט זײַן מלמד!

האָ? ווענן דער באַציאונג צווישן פּייוולען און נחמנען? דאָס איז אַ מוראדיקע זאַך! ער איז פאַרקראַכן... דאָ האָט מען נחמנען מיט פּייוולען גערופן ליטוואַקעס. זיי זיינען קיין ליטוואַקעס ניט געווען. זשיטאָמירער! נאָר וואָס ווייסן בעסאַראַבער פעלצן, שמויסן?.. בײַ זיי, קוים ניט פון בעסאַראַביע, איז ער אַ ליטוואַק...

קלאָר איז, אַז ביידע האָבן געוואָלט משיחן ברענגען... אין דער נאַרישער קבלה זיך אַריינגעטון. נחמן איז געווען אַ שוואַך קעפּל און איז — גערירט געוואָרן און פּייוול האָט זיך אַריינגעקלאַפּט אַ מין מאַנקאָליע אין קאָפּ אַריין: ער וויל דערגיין דעם סוד פון משוגעת.. פּייוול האָט אַ סאַך מאָל אויפגעהערט צו זײַן פּייוול, ער איז געוואָרן נחמנס אַ פּירוש... וואָס נחמן האָט געטון, האָט פּייוול געוואָלט דערקלערן...

די גרעסטע צרה איז געווען נחמנס הינטל. דער דאָזיקער משוגענער איז אין אַ שיינעם פרימאָרגן אַרום אין דער גאַס מיט אַ הינטל... אַ קליינס, און אָפּגעריבנס, אָן אָן עק. ער האָט עס געפירט בײַ אַ שטריקל, פאַרציענדיק עס אַזוי באַם העלדזל, אַז ס'איז געווען אַ גאַנץ רחמנות דערויף... דאָס הינטל האָט נעבעך אַזוי פיל שטיינער אַריינגעכאַפּט, אַז ס'האָט זיכער פאַרזאָגט קינדס קינדער: אַ הונט זײַן בײַ דער גאַנצער וועלט, נאָר ניט בײַ קיין משוגענעם...

אָט דאָס דאָזיקע הינטל האָט פּייוולען פאַרדרייט דעם קאָפּ. תחילת

האָט ער אָנגעהויבן זאָגן, אַז נחמן איז דוד המלך און דאָס הינטל, נאָר א שעפּעלע פון דודס סטאַדע... דער שופט אייזל האָט שוין געשריגן, אַז פּייוול איז משוגע און מ׳טאָר אים קיין אידישע קינדער ניט שיקן...

פלוצלונג האָט מען דאָס דאָזיקע הינטל אָנגעהויבן רופן: הורדוס. איר פאַרשטייט? דער שטאָלצער אידישער קעניג, דער טיראַן הירדוס איז דאָס אפגעריבענע הינטל... בייזע צונגען האָבן באַלד געזאָגט, אַז דער נאָמען שטאַמט פון פּייוולען. איך מוז מודה זיין, אַז איך אליין האָב אויך אַזוי גע־קלערט, וואָר דען האָט זיך געקענט דערטראַכטן צו אַזא מין נאָמען? די בע־סאַראַבישע גראָבע יונגען?

פּייוול האָט דאָס אַליין אנערקענט גאָר גיך: אין בית המדרש, בפני כל עם ועדה האָט ער געזאָגט, אַז נחמן איז דוד המלך און דאָס הינטל איז הורדוס. די דינאַסטיע דוד איז דורך הורדוס פאַרפלעקט געוואָרן און ער איז מגולגל געוואָרן אין א הונט, וועלכן דוד האַלט אף א קייט...

שלימזל! חוצן הינטל, קומט איינמאָל נחמן ארוים אפן גאַס מיט א פידל אונטערן אָרעם. פּייוולס פּנים האָט דעמאָלט געשטראַלט! אודאי דוד! דוד האָט אויך געשפּילט אף א פידל — האָט ער געשריגן — און האָט זיך אויך משוגע געמאַכט... מיינט איר דאָך, אַז א סך פון די בית־המדרשניקעס האָבן ניט אונטערגעבאָמקעט פּייוולען? יאָ! האָבן זיי געזאָגט, א סברא אַז עס...

אפילו אייזל האָט זיך דורכן פידל פאַרלוירן. בשתיקה האָט ער אָנגע־הויבן קלערן: „אפשר איז ער טאַקע גערעכט?“.. נאָר ווען פּייוול האָט גע־זאָגט, אַז דעם פידל האָט נחמן צוגענומען באַם ציגיינער דאַבאַלאַקע, מיט וועלכן נחמן איז געשלאָפן אין איין שטיבל און וועלכן ער האָט דערהאַרגעט, און אַז דער פידל איז טאַקע ממש דוד המלכס, האָט אייזל א געשריי געטון: — ביסט נאָך מער משוגע פון נחמנען!“.. אין שטעטל האָט מען שוין אויך אַזוי געזאָגט!

די מאַנקאָליע האָט דעם בידנעם פּייוול פאַרפירט... ער האָט דאָך גע־האַט א חדר, האָב איך בא אים געגעבן צוויי שטונדן אין טאָג אף שרייבן — נחמן האָט שוין דעמאָלט תמיד געוואוינט בא פּייוולען. וויפיל איך בין געקומען, אַזוי פיל מאָל האָב איך געטראָפן פּייוולען ארומגיין טענהדיק מיט

נחמנען. מיר אליין האט פייוול געזאגט, אז די ליבע צווישן אים און נחמנען איז בבחינת אהבת דוד ויהונתן...

אייזל האט געהאלטן אין איין רייצן זיך מיט פייוולען: וואו איז ער דוד, אז ער שפילט ניט? ער האלט דאך נאך דעם פידל און דוד האט געשפילט! און פייוול האט דערפון געהאט די גרעסטע יסורים. מיינט איר דאך, אז ער האט ניט געבעטן נחמנען, אז ער זאל שפילן? יא! נאר נחמן האט בשום אופן ניט געוואלט. שפילן — האט דער דאזיקער משוגענער געזאגט — קען מען סיידן אז די שמחה פולט אן די גאנצע וועלט, אדער דערצער פארפלייצט אלעס... אין דער הייגטיקער וועלט קען מען אפילו ניט לאכן... ר'האט שוין טאקע ניט געלאכט זייט חדשים. איינמאל האט נחמן געזאגט: שפילן וועל איך, אז די וועלט וועט אויסגעלייזט ווערן. אדער, אז זי וועט אונטערגיין! דאס איז געווען א שרעקלעכער משוגענער. ער איז בכח געווען משוגע מאכן א וועלט. כ'האב א סאך מאל מורא געהאט אז דאס גאנצע שטעטל זאל איבער אים ניט אראפ פון זינען...

איינמאל אין א גליענדיקן זומערטאג. איר קענט די בעסאראבישע זומערטעג? די טינע איז ווי א זידיקער קעסל. די הינט ווערן דא משוגע... אין אזא טאג, האט דער הינטשלעגער פארסמט נחמנס הורדוסן. דאס ארימע הינטל האט זיך געווארפן נעבן קליינעם קלויסטערל, געווארפן ביז ס'איז אויסגעגאנגען.

נחמן האט דעמאלט דערלאנגט אזא לאך, אז די שטאט האט געהערט. פחדים איז געווען... און נאכדעם האט ער געכאפט דעם פידל און גענומען דרינזשען... אודאי זיינען דא באלד אויסגעוואקסן אי פייוול, אי אייזל. און דער גאנצער מארק, שמועסט מען ניט... איך בין אויך געווען. מיינט ניט אוים נייגיר! חלילה! כ'בין גראד דורכגעגאנגען!

פייוולס פנים האט בשעת מעשה געשטראלט... וואס זאל איך אייך זאגן? ער האט מיט א ווילדער פרייד א געשריי געטון: האב איך אייך ניט געזאגט? איך, זיין בעסטער פריינט, האב דעמאלט זיך שטיל געזאגט: פייוול איז אויך משוגע...

נחמן האט זיך גיך אפגעפעקלט אף יענעם עולם: פייוול האט דערויף

געזאגט: אַ ערדעלע נשמה! ניט געקענט איבערטראגן. הורדוס איז חרוב גע־ווארן און דוד איז נאָך ניט אויפגעבויט געווארן...

באם מקבר זיין נחמנען... וואס ווייסט איר? מ׳האָט אים געוואלט ליגן, ווי דער שטייגער איז, פון יענעם זייט פּארקן... האָט פייוול דערצער־בעט מעשים נוראים... דאס ווייב זיינס איז געלאפן בעטן באם רב, מ׳זאל רחמנות האָבן אף איר מאן, ער איז אַ טאטע פון פינף קינדער. ער קאָן נאָך חלילה פונם זינען אראָפּ... ער קאָן נאָך, כאַ, כאַ... און דער רב האָט מתיר געווען משום סכנת נפשות... פייוול האָט אָנגעהויבן א הספד באם קבר:

— דוד ברודער, מ׳האָט דיך ניט פארשטאַנען...

ער האָט זיך צעוויינט און מער ניט געקאָנט רעדן.

נאָך נחמנס טויט, האָט פייוול אויסגעזען ווי א מת... „ס׳ציט מיך — פלעג ער זאגן — אליין וועל איך שוין די גאולה ניט ברייננגען... פארפאלן... און אז ניט גאולה, וואס־זשע טו איך דאָ?..

ר׳האָט טאקע לאנג מער ניט געלעבט... בא מיר אין הארצן דאָ ליגט באגראָבן... אומגליקלעכע קדושים זיינען זיי ביידע געווען... בא פייוולס קבר האָב איך געוואלט א הספד האלטן. כ׳האָב געהאט אזויפיל צו זאגן, נאָר — — —

אהרן שרייבער האָט אן ענערגישן צי געטון פונם פאפּיראָס.

כ׳האָב מורא געהאט מ׳זאל ניט זאגן: —

„אַ דריטער משוגענער״.

לאה די גרקע און די מוטער רחל

I.

שואלקע איז געווען אַ שמייסער־יונג באם אידישן פאסעסאָר ר׳ אשר חזקאלס. קיין לייט האָט שוין דאריבער פון אים ניט געקענט ווערן, פונקט ווי ס׳איז ניט געווארן קיין לייט פון די איבעריקע ר׳ אשרס מענטשן — ז׳האָבן אלע געענדיקט אין קרימינאל. אז מענטשן גייען ארום אף א פאָסעסיע פון אלדאָסגוטס מיט א שלאס אפן מויל, טאָ ווי אזוי זאלן זיי ניט גאנווענען? און בא ר׳ אשרן איז מען ממש ארומגעגאנגען מיט אַ שלאָס אפן מויל: דאָס „נע זאַטשעפאי״, צו יענעם „ריר זיך ניט צו״ און דאס דריטע „פארזוך ניט״. און האָט ער געפאקט א מענטשן פארזוכן א ביסעלע סמעטענע, האָט ער „געקאטעוועט״, „אַ מענטש — האָט ער געזאגט — טאָר ניט עסן קיין סמעטענע, ס׳קען אים פארשאטן״... האָט מען געגאנוועט. און בא גאנווענען איז דער ערשטער ביסן אן עקבויער. פריער גאנוועט מען נאר דאס, וואס מ׳דארף און דערנאָך ווערט שוין דאס גאנווענען גופא א תענוג. און האָט ר׳ אשר געפאקט א מענטשן בא א גנייווע, איז ווייניקער פון א יאר קרימינאל ניט געווען, ער האָט באצאָלט מ׳זאל אָנלערנען. א סאך וואוילע אידישע קינדער האָט דער דאָזיקער ר׳ אשר אומגליקלעך געמאכט. ניט איין טאטע און ניט איין מאמע און ווייבל האָט געוויינט אף זיין קאָפּ. מ׳האָט טאקע זיין פאָסעסיע אַ נאָמען געגעבן: „די פאבריק פון קרימינאל־טשיקעס״.

און אין דער דאָזיקער „פאבריקע״ איז שואלקע אריינגעפאלן נאָך גאָר קליינערהייט. ר׳איז געבליבן א יתום נאָכן טאַטן, ווען ר׳איז נאָך געווען אַן עופהלע און די מוטער, אן ארעמע אלמנה, וואס האָט ניט געהאַט מיט וואס זיך מפרנס צו זיין, האָט אים קוים דערהאלטן ביז ר׳האָט זיך געשטעלט אף די פיסלעך און אים צו ר׳ אשרן אין דער פאסעסיע געבראכט. דארטן

האָט מען אים געגעבן א בייטש אין דער האנט און ער האָט זיך לאנג גע־דרייט ביז וואנען ער האָט זיך אויסגעלערנט זיין א שמייסער. דער פאָטער איז אויך געווען א שמייסער און ער האָט די דאָזיקע „מלאכה" געקענט פון דער מאמעס בויך ארויס. ר'איז נאָך געווען גרויס ווי א וועווריק, ר'האָט נאָר געדארפט מאכן דריי קאזשילקעס, אז ר'זאל קאָנען ארויפשפרינגען אף א פערד, ווען ר'האָט שוין מיטן הוילן בייטשל געקענט כאפן דאס ווילדסטע פערד. נאר אזוי איז שאולקע געווען א שטילער, ר' אשרס א וואָרט איז פאר אים געווען הייליק ווי די עשרת הדברות און זייענדיק שוין א בחורעץ פון אכצן יאר, האָט אים ר' אשר ניט געדארפט זאגן: „קרום גייסטו". און ר' אשר פלעגט זיך בארימען: מ'זאגט, אז מיין פּאָסעסיע איז א פאבריקע פון קרימינאלטשיקעס, פאר וואס איז שואלקעס א האָר קיינמאל צו דער ערד ניט געפאלן"?

האָט עמיצער געוואלט דערוויזן, אז דער רוח איז יאָ אזוי שווארץ ווי מ'מאלט אים און דער שטילער שואלקע האָט זיך סוף כל סוף אויך ארייננגעצווינגן אף א יאר אין קרימינאל אריין. געטראָפן האָט זיך עס אף אזא מין אופן: אף דער פּאָסעסיע האָבן זיך ארומגעדרייט דינסטן, וועלכע מ'האָט אלע מאָל ג ע מ ו ז ט חתונה מאכן. מ'האָט דערציילט, אז אין די יונגע יארן איז ר' אשר אליין במחילה געווען א פיינער „כאמער עזל", נאר אין יענע יארן האָט שוין אפילו ר' אשר אליין לאנג פארגעסן, ס'האָט בא אים אונטערגעוואקסן א בענאָק, פּרוים משה האָט ער געהייסן, איז ער אים צען מאָל איבערגעגאנגען. דער דאָזיקער פּרוים משה איז געווען צוויי מאָל אזוי גרויס ווי דער טאַטע. בא זיבעצן יאָר האָט ער שוין געהאַט א רויטע באָרד, וואס איז געווען געדיכט און קלאָטשקעוואטע ווי א באָרבעזימל. און פּרוים־משה איז עס געווען דער רעכטער ברען און איבער אים האָט מען אלעמאָל געמוזט חתונה מאכן אן אנדער דינסט. איז איינמאל אָנגעקומען שואלקעס שורה. כיענע די קיכניע האָט דערציילט דעם אלטן, וואס זי האָט געהאַט צו דערציילן און דער אלטער האָט געשיקט רופן שואלקען, אים געגעבן א גאנצן הונדערטער און אליין מיט דער אלטיטשקער גענומען אונטערפירעכץ. ווען שאולקע איז געוואוירע געווארן, אז מ'האָט אים באַארבעט, האָט ער פארביסן א ליפּ און געשוויגן, ר'האָט געהאַט בקבלה פון זיין מאמען, אז פון א באלע־

באס מוז מען אלעס אריבערטראגן. האָט אבער פרוים־משה זיך ניט געפוילט און געקראכן צו כיענען אויך נאָך דער חתונה. און דאס האָט שוין שואלקע ניט געקענט אריבערטראגן און כאפנדיק מיט חברה א טרונק, האָט ער זיך א לאָז געטון צו ר׳ אשרן און געטענהט צו אים, קאָסנדיק מיט די אויגן אין א זייט אריין:

— מילא ר׳ אשר זאגט, אז סמעטענע איז ניט פאר קיין משרת. ס'איז פארן באלעבאס, אָבער די סיראָוועטקע? דאס אויך ניט? צו וואס־זשע לעבן מיר אף דער וועלט? איך וועל דאָך נעמען א דרוק און אים פלעטן דעם קאפ און אליין אוועקגיין אהין, וואוהין אלע ר׳ אשרס מענטשן פירט מען..

ר׳ אשר האָט צוגעקוקט, ווי בא שואלקען זעצט ארוים א שוים דורך די שארפע, פארקלעמטע ציין ווי בא א פערד און ווי דורך די שיקערע אויגן שפארן שוין טרערן, איז ער ווייך געווארן אביסל און אביסל האָט ער זיך טאקע דערשראָקן און צו אים אזוי געזאגט:

— פערדה, וואס דו ביסט! ווער הייסט דיך האלטן כיענען דאָ? כיענע איז דיינע און דו קענסט מיט איר טון, וואס דו ווילסט. צי זיך ארוים מיט איר. וואוהין דו ווילסט און ווער א באלעבאס פאר זיך. אליין איז די נשמה ריין.

האָט שואלקע נאָך געקושט ר׳ אשרן די האנט און זיך ארויסגעצויגן. האָט אָבער דאס שכירות, וואס ער האָט באקומען ניט געקלעקט אף צו לעבן פריהער אינצווייען און גאר גיך טאקע אינדרייען. מ'שטיינס געזאגט, וואס א שמייסער־יונג האָט שוין בא ר׳ אשרן באקומען. און דער פרומער אין שטילער שואלקע האָט אָנגעהויבן אונטערלאקכענען פריער קלייניקייטן: א קריגל מילך, א וואָרעק קעז און שפעטער טאקע א לאָשעקל, א קעלבל. און סוף גנב איז דאָך, אז ר'מוז זיך פאקען. בקיצור ר׳ אשר האָט אריינגערוקט שואלקען אף א גאנץ יאר.

כיענע, נעבעך, האָט געהאט א יאָר, אף אלע פוסטע פעלדער געזאגט געווארן. די שטאָט פלעג זאגן: „געווג אייגענע קבצנים פאראן, ר׳ אשר קען אליין פארזארגן זיינע וויכאָוואנצעס, דער גוטער־יאָר וועט אים ניט נעמען, און ר׳ אשר פלעג זיך דאס שוין א גרויסן צימעס מאכן. כיענע האָט זיך אפילו ניט געלאזט, ז'האָט געפרואווט א ברום טון:

— מילא, איך יאָק איך, אָבער יואַליק (אזוי האָט געהייסן איר זון? פּרוים־משה איז דאָך אַ שטיקל טאַטע זיינער...

האָט ר׳ אשר געעפנט א פה קדוש ווי עשיר יענה עזות קען:

— ארויס, די שנאָרערקע! וועסט נאָך גאר מבוזה מאכן און בילבולים גאר אויסטראכטן! ארויס ,דו פּאסקודסטווע, אַף מיין שוועל זאל איך דיך מער ניט זען!

פון צרות שטארבט מען ניט, מ׳ווערט נאָר פארשווארצט און גרוי און אלט פון זיי. כיענע מיט יואלקען אינדערהיים, שואלקע אין קרימינאל און דאס יאר — אזוינע זאלן זיך שוין ניט אומקערן — איז פארבייגעגאנ־גען, פונקט אזוי ווי אלע יאָר. צוריקגעקומען איז שואלקע פונם קרימינאל אָן אַנדער מענטש. די באָרד פארקעמט, אינגאנצן עפּעס סטאטעטשנע און ערנסט — אַ מענטש און אַ מענטש מיט פארשטאַנד.

אלטע גוטע ברידער האָבן אים אפילו ארומגערינגלט און אים גענומען היצן. ז׳האָבן אים געוואלט איינריידן, אז זיי אַף זיין פּלאַץ, וואלטן געזאגט: „זאל מיין לעבן ,קיין לעבן ניט זיין און זיין לעבן אויך ניט. איך אין קריי־מינאל, אָבער ער אפן הייליקן ארט״. שואלקע האָט זיך אבער ניט געלאזט איבעררעדן: „ווען איך בין אליין — האָט ער געזאגט — אפשר, אָבער ב׳האָב א ווייב, א קינד״...

און צו כיענען האָט ער געטענהט:

— דאַרף איך האָבן צו טון מיט אידן און אריין אין גויאישע הענט, א מיין פון לכתחילה האָבן צו טון מיט גויים און אפילו ניט זיין בא אידן אין די מיילער. דערפער ארום זיינען דאָ געננוג, אביסל סחורה אַף חוב וועט מען מיר אויך געבן, איז א קלייטל אין אַ דאָרף און לאָז גאָט העלפן.

ניט ווייט פון ר׳ אשרס פּאסעסיע איז געווען א באַלגאַריש דאָרף ט ש י ל י ק ט י י, האָט זיך שואלקע דאָרט באזעצט און געמאכט א קלייטל און ס׳איז געגאַנגען.

— „דאנקען גאָט — פלעג ער זאגן — דאס, וואס איך האָב אפּגע־שפּאָרט בא ר׳ אשרן, האָב איך נאָך ניט פארלוירן״...

און מענטשן פלעגן זאגן:

— „וואס דען? אז ס׳איז דאָ פּרנסה, דאַרף מען ניט גאנוועגען״...

II.

אין טשיליקטיי איז שואלקע געווארן א ישובניק אזוי ווי אלע. א גאנץ יאר אין דארף און אף ימים נוראים פלעג ער אין שטאָט אריינקומען, א קאפאָטע אָנטון און אפילו א פיינע עליה קריגן. „דאס, וואס ר'האָט זיך אמאָל אויסגעגליטשעט — האָט מען געזאגט — איז דאָך ניט זיין שולד געוועזן. דער רבונו של עולם האָט זיך שוין לאנג אויסגעלערנט מוחל זיין, און ארעמע אידן זיינען ניט קיין גרויסע מקפּידים, קיין צייט ניטאָ דערפאר, דער קאָפּ איז אזוי קליין און דאס יאָר מיט די צרות אזוי גרויס. מ'האָט אים אפילו שוין אָנגעהויבן רופן „ר' ישראל"... און ר'איז טאקע באמת געווארן א פרומער איד, ווארים וואו נאָך דארף מען אזוי אָפּט אָנקומען צום רבונו של עולם נאָך הילף, ווי אין דארף? און אויב אין אן אנדער דארף האָט א איד אלעמאל געדארפט אָנקומען צום רבונו של עולם, האָט שאולקע אין טשיליקטיי אוואדע און אוואדע געדארפט אלעמאל צו אים אָנקומען. די באָלגארן האָבן אפילו כסדר געהאנדלט אין שטאָט מיט אידן, אָבער וואוינען אין דער נאָענט מיט א „טשיפוטין"*) האָבן זיי זיך אביסל געשראָקן. עפּעס האָט זיי אי פארדראָסן, אי געשראָקן דאס, וואס ער וויל ניט פארזוכן פון זייער עסן און וואס, אז א באָלגאר רירט זיך צו צו א פלאַש מיט וויין, גיסט מען דעם וויין ארויס. די מזוזות אף די טירן האָבן זיי אויך געשראָקן. איינער א באָלגאר, וואס איז געוועזן א בעל פּחד, האָט געזאגט, אז די דאָזיקע מזוזות וועלן ברענגען א צרה אפן דאָרף... און גראָד האָט זיך געדארפט מאכן, אז אין יענעם יאָר איז קיין רעגן ניט געגאנגען און א סאך האָבן געגלויבט, אז די מזוזות זיינען אין דעם שולדיק. דער בעל פּחד אליין איז פּאוואָלינקע משוגע געווארן און געהאַט כסדר אן עבודה אפּצורייסן די מזוזות בא שואלקען און ווען מ'האָט אים שפּעטער אין שטאָט אריין אריינגעפירט, פלעג ער דארט ארומלויפן פון טיר צו טיר און רייסן מזוזות... שואלקע האָט זיך געשראָקן און ס'איינציקע וואס ר'האָט געקענט טון איז געוועזן פרומער ווערן פון טאָג צו טאָג און גאָט בעטן.

א חוץ די דאָזיקע צרות האָט שואלקע געהאַט אויך אנדערע: ביענע

*) טשיפוטין — א איד אף בולגאריש.

האָט אים באשענקט אויסער מיט יואלקען מיט נאָך אַ פּאָר זינדלעך און טעכטערלעך, און „פּאר אידן" איז זיי געווען שווער צו מאכן אין דאָרף. ר'האָט אפילו געהאלטן אַ מלמד צו זיי, אָבער געחברט האָבן זיי זיך מיט די קינדער פון די שכנים און זיך פון זייערע וועגן אפגעלערנט. און ווי יעדער פרומער ישובניק, פלעג שואלקע קרעכצן: „באַ וועמען זאלן זיי זיך אידישע מידות אפלערנען, באַ די שקצים און שיקסעס"?..

נאר די אמתע צרות הויבט אָן אַ דארפס איד צו האָבן, ווען די קינדער וואקסן אונטער. ס'איז, מאָלט אייך, אַ נס, וואס די אידן פון די שטעט ווערן ניט פארשלינגען פון די גויים, גוייש בלוט איז געזונט, ס'ציט ווי מיט צוואנגען. און ס'איז טאקע פשוטער באַ זיי: אַ שיקסל פרעגט דאָך ניט באַם טאַטן... נאר אין שטאָט, אז אַ בחור פאלט אריין אין דער נעץ פון אַ שיקסע, איז נאָך אַלץ ניט קיין סכנה, ס'גייט איבער. אידן לייגן זיך אריין, מ'רעדט, מ'טענהט, מ'פירט דעם בחור אוועק, מ'שטעלט אַ חופה און אז גאָט וויל, פארגעסט ער. אָבער אין דאָרף? ארום און ארום געזונטע שקצים און שיקסעס, וואס לעבן הפקר און פריי, קיין אידישע בחורים און מיידלעך זיינען ניטאָ. שווער צו זיין אַ צדיק! טרעפן זיך טאקע אומגליקן...

דערצו איז נאָך באַ שואלקען אין דער משפחה געווען אַ באזונדער מין היים בלוט. נאָך זיין טאטע דער שמייסער, אונזערע רייד זאָלן אים ניט שווער זיין, האָט געפירט זיין מאמען צו דער חופה מיטן בויך באַ די ציין. שואלקע אליין איז אויך געווען געכאפּט אין עסק, שוין אין דאָרף וואוינענדיק און זייענדיק שוין אַ טאטע, האָט אים אמאָל אַ שייגעץ געפּאקט אונטער אַ מיל מיט אַ בחורטע און אים אפּגעהאקט אַן עק פון דער באָרד, ר'איז דערנאָך אפשר אַ האלב יאר געגאנגען מיט „פארבינדענע ציין". און דאס ווייב שואלקעס, ביינע, איז דאָך אויך ניט געווען פרום ווי אַ מזוזה... אַוואדע, אז יואליק האָט נאָך געהאט אין זיך פרוים משהס בלוט דערצי, האָט זיך אנגעהויבן בחורן, האבן זיך אנגעהויבן צרות...

לכתחילה, אז יואליק האָט זיך נאָך געדרייט אַלעמאָל מיט אַן אנדערער, איז נאָך געווען אַ האלבע צרה, באַ זיי איז דאס אַ קליייניקייט. ניט גוט איז געווארן, ווען ר'האָט זיך אנגעהויבן אומצופירן מיט איינער. דאָ האָט שוין געשטעקט אַ סכנה. אַ רחמנות געווען צו קוקן: האָט זיך נאָר

די ערשטע הון געזעצט אפן סידאלע איז שוין יואליק אויסגעווען די צייט. און באגעגנט האט ער זיך מיטן ערגסטן שיקסל פון דארף — עפעס איינע, ליא געהייסן, וואס איז פון קינדווייז אָן געווען א קיילעכיקע יתומה. און בא די אומות העולם וואקסט שוין א קיילעכיקע יתומה אוים א רעכטער לייט. זי האט געהאט צו טון מיט אלע שקאצים פון דארף און אלע האבן זי איבערגעלאָזט. אז קיין שיינע איז זי ניט געווען: א לאנגע, א דארע געווען, מיט א האלדז פון א גאנער און דערצו נאך געהאט קלעפיקע אויגן און א נראב מענעריש קול. פלוצים האט זי זיך אנגעטון א שווארצן כאלאט און טונקעלע ברילן ווי א מאַנאַשקע און זיך גענומען חברן מיט טאָראָרן — עפעס א פאסטוך, וואס האט באוויזן מופתים און אף וועלכן די באלגארן האבן געזאגט, אז ר'איז א הייליקער. קיין ריינע זאך איז דארט געווים ניט געווען, מסתמא כישוף. און אז ליא האט זיך מיט אים געחברט, האט זי זיך מסתמא אויך כישוף אויסגעלערנט.

און יואליק האט זיך מיט אָט דער ליא פארפלאָנטערט; וואס די עלטערן האבן ניט געטענהט צו אים: „וואס דארפסטו זי, די פאסקודסטווע? ס'איז דאך מיאום פאר איר א שטיקל ברויט צו עסן. עס וועט אראפקומען א שדכן, דיר אויסזוכן א שיינע, א כשרע אידישע טאכטער מיט גאָטס הילף, וועסטו דאך זיך מחיה זיין!" יואליק האט אויסגעהערט, געשוויגן און געטון זיינס. און אז מ'האט אים געפרעגט, צי זאל מען ברייגנען א שדכן, פלעג עס א וואָרף טון מיט אים ווי אין א קדחת. שואלקע פלעג בשעתן דאוונען פארגיסן בלוטיקע טרערן און אז ס'איז געקומען צו „שלא עשני גוי" — ס'איינציקע וואס ער האט אין דאוונען פארשטאנען — האט ער וועלטן איינגעלייגט. און כיענע נעבעך פלעג אויך שבת דורכווייקן מיט אירע טרערן דעם קרבן מנחה און דאס טייטש־חומש, אבער ווער ווייסט ניט, אז דער כח פון יונג בלוט איז שטארקער פון אלע תפילות?

וויפיל שואלקע און כיענע האבן דעמאלט אנגעשאָלטן ר' אשרן טויטערהייד — זיי האבן געזאגט געפייגערטערהייד! — ווען ס'זאל אים אף יענער וועלט אנגיין א העלפט, וואלטן אים דארט ניט געדארפט אויפ־הערן ברענען און בראָטן. מיט די דאָזיקע קללות האבן זיי זיך טאקע גע־קילט. ווען ניט די קללות וואלטן די הערצער בא זיי געפלאצט. א בזיון,

וואס מ׳קען ניט פארדעקן, איז דאך דער גרעסטער ווייטיק. און אז דעם בזיון וועט מען ניט קענען פארדעקן און טאקע גיך, האבן זיי געוואוסט. ס׳הארץ פון טאטע־מאמע איז דער בעסטער נביא...

III.

און די צרות, וואס פארשפעטיקן קיינמאל ניט, ווייל ווען זיי קומען איז צו פרי, זיינען אויך איצטער געקומען פונקט צום קנאק.

ס׳איז געווען אין א ווינטער־טאג, כיענע האט געוואלט פרעגלען פסח׳דיקע שמאלץ און שואלקע האט איינגעשפאנט און געפארן אין שטאט אריין ברענגען א שוחט. אף זיין מזל האט גדארפט זיין פריי ר׳ הערשל שוחט, א שיינער איד און א קלוגער, א באלשעמסקע אייניקל און א שדכן — א איד מיט וועלכן ס׳האט גערעשט גאנץ בעסאראביע און אפילו פאדא־ליע און די מאלדאווע. כיענע האט זיך ניט געוואוסט ווי אזוי צו צערייסן צוליבן גאסט און וואס זי האט ניט געוואלט קאכן, האט איר אויסגעוויזן ניט גענוג פיין...

אינדערפרי, ווען שואלקע איז אנגעקומען מיט ר׳ הערשלען, האט גע־האלטן א קנאקנדיקער פראסט, אז פונקען זיינען געשפרונגען און באטאג, ווען שואלקע האט שוין גענומען שפאנען אף אפצופירן ר׳ הערשלען, האט אנגעהויבן ווייכער צו ווערן און בניה ביה האט אנגעהויבן צו שיטן א שניי. אבער שיטן — אן א סוף. ס׳האט זיך אויסגעוויזן גלייך דער הימל האט זיך אנגעבויגן צו דער ערד און דערציילט איר א געשיכטע, וואס האט קיין סוף ניט.

אוודע האט שוין ר׳ הערשל געמוזט נעכטיקן אין טשיליגטיי. שואלקע איז געווען אפן זיבעטן הימל און כיענע זאל זיך ניט געווען שעמען, וואלט זי געטאנצט פאר פרייד. א קלייניקייט: אזא גאסט, אזא כבוד. און גראד אין יענער נאכט האט זיך יואליקן געגלוסט נעלם ווערן. אז מ׳זאגט „דער שטן האט דעם קאטער”, זאלט איר גלויבן.

א גאנצן באטאג איז יואליק געשטאנען אין קלייט, כיענע האט זיך גע־פארעט אין קיך און שואלקע איז געזעסן און איינגעטענהט מיט ר׳ הערשלען. ר׳ הערשל האט זיך נאכגעפרעגט אף יעדער קלייניקייט: וויפיל קינדער ער

האָט, וויפיל אינגלעך, וויפיל מיידלעך, ווי אַלט זיי זיינען און ווי אַזוי ס'גייט די פּרנסה. און שואלקע האָט געקרעכצט: „מ'שטיינס געזאָגט, וואָס אַ איד קאָן אפּשפּאָרן אין אַ דאָרף, אָדער אַ זון אַ משומד, אָדער אַ טאָכטער אַ משומדת" און האָט דערביי אַלץ געבעטן בא ר' הערשלען ער זאָל אים געבן עפּעס אַ סגולה, אַ שמירה פאַר די קינדער. און ר' הערשל האָט געהאַט איין תירוץ: „אַ שידוך! זאָג מיר נאָר וויפיל נדן דו גיסט און איכל שוין ס'איבע־ריקע פאַרזאָרגן". שפּיל דעם חתן — האָט זיך שואלקע געקלערט — אַ טרויעריקס, אים ליגט די כלה אין זין"...

און ווען דער טאָג איז הינגעקומען איז אויך יואליק הינגעקומען. וואָס טאַטע־מאַמע האָבן אים ניט געבעטן, אַז ער זאָל כאָטש היינט בלייבן צו־ליבן גאַסט, דער גאַסט אַליין האָט אויך געבעטן און — אַרויסגעוואָרפענע רייד, גלייך צו דער וואַנט. שואלקע האָט מיט בלוט אין די אויגן געערדט:

— אַט אַזוי איז עס, ר' הערשל... דאָס ביסל פּרנסה פאַלט אויס באָקאָס, גאָט זאָל מיך ניט שטראָפן פאַר די רייד!

די סעודה, וואָס כיענע האָט אָנגעגרייט און די שמחה אַף וועלכער מ'האָט זיך געריכט, זיינען פאַרשטערט געוואָרן. די וואַרעניקעס פון די פרישע גריוון זיינען טאַקע געשפּרונגען פון פאַלומעסיק, אָבער צום מויל נעמען האָט זיך ניט געגלוסט און האָט מען שוין גענומען צום מויל, איז דער האַלדז געווען פאַרהאַקט און עס האָט זיך ניט אַראָפּגעשלונגען. די קינ־דער זיינען געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און פון טאַטע־מאַמע איז דאָך אפּגערעדט. עפּעס האָבן זיי געפילט, אַז היינט וועט דאָס אומגליק געשען.

און כך הוה: יואליק איז שוין יענע נאַכט מער ניט צוריקגעקומען. ס'איז געוואָרן האַלבע נאַכט, ס'איז געוואָרן שפּעטער, העגער האָבן שוין צום צווייטן מאָל געקרייעט. אין דער צייט איז שוין יואליק תמיד געווען אין דערהיים און היינט איז קיין זכר ניט געווען פון אים. אַז טאַטע־מאַמע האָבן געזען, אַז ר'איז ניטאָ, האָבן זיי אים אָנגעהויבן זוכן. „לוטשינקעס" אָנגע־צונדן, ס'גאַנצע דאָרף איבערגענישטערט און קיינער האָט ניט געהערט און ניט געזען. גלייך אין וואַסער אַריין אי יואליק אי ליאַ. און דער שניי האָט אַלץ געשיט און געשיט, גלייך ער האָט יאָ געוואוסט דעם סוד, נאָר ר'האָט זיך געאיילט אין דער ערד אים צו באַגראָבן. בא דער גרעבליע האָט מען גע־

פונען דעם „באַלמויפעס" טאַדאַר, נאָר ער האָט אויך ניט געוואוסט. „ליא — האָט ער געזאגט — איז א „טשיפּוטינקע" (אידישקע) געווארן און ער קער זיך מיט איר שוין ניט אָן...

שואליק און כיענע האָבן דאס געהאט א נאכט! דער וואס האָט אמאל געזאגט, אז „אזוינע נעכט זאלן זיך ניט אומקערן", האָט די דאזיקע נאכט אוודע געמוזט זען אין חלום. א גאנצע נאכט ארומגעלאפן ליעטנע אונטערן שנייי, שיעור ניט פארסטארטשעט געווארן און — גארניט, אינדערפרי אויפ־געשטאַנען ווי תמיד...

און ווען ר' הערשל האָט פארן אוועקפאָרן געדאווענט אין רינדארם טלית און תפילין, האָט ער, נאכטוענדיק זיינע זיידעס די גוטע־אידן, גע־טענהט צום רבונו של עולם:

— זאָג דיר, וואס דו ווילסט, אזוינע צרות, וואס אידן, אפילו די פשוטסטע האבן, האט ניט קיין שום מענטש פון קיין שום אומה ולשון. זאל דאס טאקע זיין דערפאר, ווייל „וועמען דו האָסט ליב שטראָפסטו", טאָ וואס האָסטו אזוינס דערזען אף שואלקען מיט כיענען?

און טאקע ר' הערשל איז דאָס געווען דער שליח, וואס האָט אין שטאָט אריין געבראכט די גוטע בשורה, אז שואלקעס בכור איז אנטלאפן מיט א שיקסע...

IV.

ווער האָט זיך עס געקאָנט ריכטן, אז טאַדאַר, דער באַלמויפעס" האָט געוואוסט, וואס ער רעדט און אז ניט יואליק וועט זיך שמאדן, נאָר ליא וועט זיך גאָר מגייר זיין? די דאָזיקע ליא איז געווען א מאָדנע נייגעריקע נאטור, ז'האט אלצדינג געוואלט אויספרואוון און פאר קיין זאך זיך ניט געשראקן. אלע באַלגארן האבן מורא געהאט פאר א וויכער און ווען דער ווינט זיך אמאל פלוצים אפגעשטעלט אף איין אָרט און זיך גענומען „דרייען א קיילעכיקס" מיטן שטויב, פלעגן זיי זיך באהאלטן און זיך ציילעמען און ליא פלעג דאווקע לויפן מיטן מעסער פרואוון דעם וויכער און זען, צי ס'גייט

בלוט. מיט טאָראָן, אין וועלכן אלע האבן געגלויבט און פאר וועלכן ז'האבן דאָך מורא געהאט, האָט זי זיך פארהאלטן גאנץ היימיש און אפילו געלעבט מיט אים. און מיט וואס פאר א שייגעץ האָט זי ניט געלעבט? איר האָט ניט געאַרט, וואס מ'האט זי גערופן „שלעפּערקע" און געטון, וואס זי האָט געוואלט. און טאקע דערפאר איז זי נאכגעלאפן יואליקן — מ'האט איר געזאגט, אז די „טשיפּוטינס" האָבן פארקויפט די נשמה דעם טייוול, האָט זי דאווקע געוואלט האבן צו טון מיט א „טשיפּוטין"... און ניט גלאט אזוי האבן צו טון, נאָר טאקע אליין ווערן א „טשיפּוטינקע". זי האָט זיך אלע טאָג אויסגעלערנט בא אים עטלעכע אידישע ווערטער און ווען זי האָט שוין געקאנט ריידן ווי א גר'קע, האָט זי אים אוועקגעשלעפּט זיך מגייר זיין.

וואוהין זשע פאָרט מען ווערן א אידישקע, אז יואליק איז א תם, קען קיינעם ניט אין שטאָט און ווייסט ניט ווי א טיר עפנט זיך? האָט זיי עמי־צער געגעבן אן עצה, אז זיי זאלן פאָרן אין שטאָט אריין צו יהודיתן.

יהודית איז געווען אן אלמנה א שם דבר: א קלוגע, א חרופה און די בעסטע פירזאגערן דאווקע אין „בית המדרש", וואו ס'האבן געדאוונט די גדולים. געבליבן איז זי אן אלמנה, ווען זי איז נאָך גאָר געווען א יונג ווייבל און דערצו א שיינע, א פעטקיילעכיקע, האט מען אף איר געמורמלט, כאָטש געזען האָט קיינער גאָרניט, איז אבער — האט מען געזאגט — אויך קיי־נער צו קאָפּנס ניט געשטאנען... און א חידוש איז געווען: געבליבן איז זי מיט א זונדאלע אן אויסוואורף, א בחור א זולל וסובא'ניק, וואס האָט זי מיט די ביינער אויפגעגעסן, ירושה האָט זי געהאט איין קליין שטיקל שטוב און פארדינט האָט זי דאָך „כשר" גאָרניט. ז'האט כמעט גאָרניט געטון און דאָך האָט זי געלעבט שענער ווי די שענסטע באלעבאסטעס, אוואדע האָט מען געפרעגט: פון וואנען? אלע טאָג נאָר איין ציגל זי זאל אויפעסן, וואלט דאָך אויך פון דער שטוב קיין זכר ניט געבליבן. און עפּעס האָט מען גע־גלויבט, אז דאָ איז ניט קיין ריינע זאַך, ווייל זי איז געווען צו „וצדקתך", צופיל גערעדט מיט גאָט. אין דער גאַס, וואו זי האָט געוואוינט, האבן גע־וואוינט פשוטע בעסאראביער אידן, וואס האבן קיינמאל גאָט בא די פּיס ניט געצויגן... און אויסגעלאָזט האָט זיך, אז „ווען מ'קלינגט איז א כאָגע".

ווען דער נגיד פון דער שטאָט, נחום לעווינטאַן, וואס האָט כל־ימיו געלעבט מיט א ווייב אן ארורה, איז געשטאָרבן, האָט ער אפשר א האלב פארמעגן געלאזט יהודיתן.

און אָט צו דער דאזיקער יהודית איז אונזער ליאַ געפארן זיך מגייר זיין און חתונה האבן מיט איר אויסדערוויילטן. יהודית, וואס איז געווען להוט נאָך א מצוה ווי אַ קאַץ נאָך אַ מויז, האָט זיך מיטן פּאָרל גאָר מחיה געווען. אַ קלייניקייט, אזא מצוה, זי קאן דאָך מכפר זיין אף אלע זינד. און יהודית האָט זיך א נעם געטון צו ליאַן. אין א קארגער וואָך האָט זי איר אויסגעלערנט אלע ווייבערשע מצוות און איר אנדערציילט וועגן אידישקייט פון הערן און גערדיינקען: פון אלע ימים טובים, תחינות, קינות, טייטש־חומש, שרה בת טובים, די באָבע טאלצע אפילו... און דאוונען אביסל אויך, אין קארגע צוויי וואָכן האָט שוין ליאַ געבענשט ליכט מיט אלע תחינות ווי אַ וואסער.

און טאקע יהודית אליין האָט זיי אן עצה געגעבן, אז זיי זאלן ארייג־פאָרן אין א צווייטער שטאָט אריין, וואו מ׳קען זיי ניט און דער רב וועט זי מגייר זיין און זיי געבן חופה וקידושין. און טאקע ווידער יהודית האָט זיי צענויפגעמאכט אף הוצאות און אוועקגעשיקט.

— איצטער — האָט זיך יהודית געזאגט — האב איך שוין ניט מורא פאר יענער וועלט, דער דאזיקער זכות וועט מיר ביישטיין אין אלע נויטן...

און דאָס פּאָרל איז אוועק אין דער צווייטער שטאָט אריין. דער רב האָט די דאָזיקע ליאַ אויסגעפּרואווט און געדרייט אף אלע זייטן, גערעדט מיט גוטן, מיט בייזן, געסטראשעט און זי, ממש ווי רות, האָט אין איין קול געענטפערט: „ב׳נעם אלצדינג אף זיך". זי האָט געהאט א גוטן רבין, יהודית האָט זי שוין אויסגעשטעלט ווי אזוי צו רעדן מיטן רב. און דער רב האָט קיין ברירה ניט געהאט און געמוזט מגייר זיין. אויסגעזוכט עפּעס א אידי־שע מעטריקע פון א געשטאָרבענער — מ׳האט דעמאָלט ניט געטאָרט מגייר זיין — איר א נאָמען געגעבן לאה און מקדש געווען ס׳פּאָרל. אַ שטילע חופה געווען, מ׳האט מורא געהאט, נאָר שטילערהייד האָט מען וועלטן גע־קערט. אזא מצווה טרעפט זיך דאָך איינמאל אין א יובל. און יעדער אי־דענע האָט מיט פריידנטרערן געלערנט לאהן אביסל אידישקייט.

און יואליק האָט אהיים געבראכט זיין ניי־געבוירענע לאה אין א פאַרוק און א טיכל, ווי א גאנצע רביצן.

לכתחילה האבן שואלקע מיט כיענע ניט געוואוסט וואס צו טון, גע־פּלעפט זיינען זיי געבליבן. נאָר אוים מורא האָבן זיי דאס פּארל אריינגע־נומען אין שטוב אריין, בכדי די באָלגאַרן זאָלן זי ניט זען, ווייל טאָדאָר האָט וועגן איר דערציילט מעשהס מיט רוחות און ס׳גאנצע דאָרף איז געווען אויפגעבראכט. און אז מ׳האט זיי שוין אריינגענומען אין שטוב אריין, האט מען זיי שוין אפגעגעבן א קאלטן מזל טוב. „ס׳האט אווזדע — האָט כיענע געזאגט — געקאנט זיין בעסער, נאָר דאנקען גאָט דערפאר, כאטש ניט גע־שמאדט זיך און ניט באדעקט מיט שאנד דעם קאָפּ״. זיי וואלטן אפילו א שטיקל שמחה געמאכט, האָבן זיי מורא געהאט פאר די „לעמער״ *). זיי האָבן שוין אין אן אנדער דאָרף אונטערגעצונדן א אידיש הויז פאר מגייר זיין זיך. און דערפאר טאקע האבן זיי נאָך אין יענער נאכט איינגעפּאקע־וועט דאָס פּאָרל, מיטגעגעבן פון כל טוב און אפּגעפירט אין שטאָט אריין, כאָטש כיענע האָט זיך פון איר שנור ניט געקענט אפּלויבן: זי איז דאך גע־ווען א גאנצע „לאַמדאָנעם״, ז׳האט דאך געקאנט דאוונען און תחינות מער וויפיל אמתע אידישע ווייבלעך פון דער שטאָט.

פארן אוועקפאָרן פון דער שטאָט האָט לאה אוועקגערופן כיענען אין א זייט אריין און איר איינגערוימט א סוד:

— שוויגער לעבן, איך שוין א אידישקע, נאָר סאמע עיקר אידישקייט איך נאָך אליץ ווייס ניט.

— כ׳ווייס — האט כיענע געענטפערט קראצענדיק זיך אין דער פּאָטילניצע — כ׳ווייס אליין אויך ניט שטאַרק גוט... מקווה, ליכט־בענטשן, חלה...

— דאָ נאָך עפּעס — האָט לאה געקנייטשט מיט די פּלייצעס — טאָדאָר מיר געזאגט א רוח... נשמה...

— א, צו דיין קאָפּ — האָט כיענע זיך דערשראקן — טאָדאָר גאָר גע־

*) די באָלגארן רופט מען „לעמער״, ווייל זיי טראגן זומער און ווינ־טער לעמערנע פּעלצן.

זאגט, טאָדאָר איז שוין גאר דער „באַרסאמכע" אין אידישקייט... רעד ניט מער אזוינע נארישקייטן.

און ווען ס'פאָרל איז שוין אוועקגעפארן, האָט כיענע געזאגט צו שואלקען:

— מיר געפעלט ניט די גאנצע געשיכטע... זי האָט זיך מגייר געווען ניט צוליב אים און ניט צוליב אידישקייט, נאָר עפּעס צוליב א סוד...

V

די שטאָט האָט תיכף געגעבן דעם מאָדנעם פאָרל א שטיקל דירה אין באָד־געסל און טאקע צוויי צונעמענישן אויך, וועלכע מען האָט ווייט ניט געדארפט זוכן: אים האָט מען גערופן „יואל באָלגאר" און זי — „לאה די גרקע". לכתחילה האָט זיך דאס געסל געוויגט מיט זיי. זיי האָבן ניט געקענט אדורכגיין דאס געסל, אזוי איז מען זיי נאָכגעלאפן. זיי זיינען טאקע ביידע געווען משונהדיקע מענטשן: ער איז געווען הויך און גראָב ווי א דעמב און געהאַט א רויט פנים, א צעשפּאלטענעם מיט א געדיכטער קאָלטשעקעוואטער באָרד, מוראדיק גראבע ליפּן און נאָך מוראדיקערע אויערן. ער איז געווען העכער פון אלע הייזלעך אין געסל, זיין קאפּ פלעג זיך אָנשלאגן אין די סטריכעס און זיין שאָטן פלעג פארנעמען דאס גאנצע געסל און נאָך ארויפקריכן אף די ווענט. זי איז כמעט ניט געווען נידעריקער פון אים, נאָר דאר ווי א כראָנדיק און כאָטש דער קאפּ איז בא איר געווען נאָר א לאנגער, אָבער ניט קיין ברייטער, פונדעסטוועגן איז ער גלייך מיט די פּלייצעס און ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אז זי איז אינגאנצן איין שטיק פון די פיס ביזן קאפּ. דאס פּנים האָט ניט געהאַט קיין באשטימט קאליר און איז געווען צעקנייטשט ווי אן אלט שטיק פארמעט. די שווארצע ברילן, וואס זי האָט געטראגן, האָבן איר גאר צוגעגעבן א שרעקלעכן אויסזען. ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אז זי איז ניט קיין מענטש, נאר עפּעס א משונהדיקער פויגל, וואס האָט זיך אָנגעטון ווי א מענטש. מיט דער צייט אָבער האָט מען זיך מיט זיי איינגעוואוינט און שוין געקוקט אף זיי ווי אף אלע אנדערע איינוואוינער־

פון געסל, סוף כל סוף האָבן אַלע מענטשן פאַרשיידענע אויסזעענס און חידושן חידושט מען זיך נישט, ווען מענטשן ענלעכן זיך ניט איינער צום אַנדערן, נאָר ווען זיי ענלעכן זיך יאָ...

נאָר אויב ס'געסל האָט זיך איינגעוואוינט צו זיי, האָט זיך אָבער יואל ניט געקענט איינגעוואוינען צו זיין לאהן. וואָס מער ער האָט געזען אידישע מיידלעך און אידישע ווייבלעך אין געסל, אַלץ מער האָט אים באַנק געטון למאי ער האָט זיך צונויפגעפּאָרט מיט דער באַלגאַרקע. און דערצו נאָך האָט זי אים אָנגעטון געברוינטע ליידן. עפּעס האָט זי זיך אריינגעקלאַפּט אַ מאַנ־קאַליע אין קאָפּ אַריין, אַז דעם סאַמע עיקר פון אידישקייט באַהאַלט ער פון איר... זי ווייסט — האָט זי געטענהעט — פון טאַטאָרן, אַז בא אידן איז דאָ אַ טייוול, וועלכן מען גיט אָוועק די נשמה און איר האָט מען דעם טייוול קיינמאָל ניט געוויזן... וואָס ער האָט זיך ניט געשוואוירן פאַר איר, אַז ס'איז ניט אמת, מ'האָט איר אַלצדינג אויסגעזאָגט, האָט זי ניט געגלויבט און גאַנצע נעכט פלעג זי אים מוטשען טאַקע ווי אַ טייוול. זי האָט אים אַי ניט געלאָזט שלאָפן, אַי אים געררייצט, אַי ניט צוגעלאָזט צו זיך. אַליין איז זי געוואָרן ווי אַ רוח און ער האָט אויך אָנגעהויבן אויסצוגיין ווי אַ ליכט. ווי געזונט ער איז געווען, האָט ער אָנגעהויבן אָפּפאַלן. ער האָט אויסגעזען ווי אַ באַרג, פון וועלכן ס'וואַסער מוליעט אַלע טאָג אָפּ אַביסל...

אין שכנות האָט געוואוינט אַ אידענע, וואָס מען האָט גערופן בעריש־בע און וואָס האָט געהאַט אַ „קופּ"*) און פאַרקויפט קערלאַך. אַ גאַנצע וואָך, האָט זי, די דאָזיקע בערישיבע גאָר ניט געלייזט, ס'האָט יעדער גע־האַט אַ סאַמאָוואַר און אַף קערלעך קנאַקן איז פּשוט קיין צייט ניט געווען. שבת אָבער, האָט איר דער „קופּ" ניט געסטייעט און קערלעך פלעג זי אויס־פאַרקויפן אפשר אַ גאַנצן זאַק... און פון דעם דאָזיקן בידנעם שבת פּדיון פלעג זי ציען איר חיונה און חתונה מאַכן טעכטער.

האָט זי צום שלימזל געהאַט אַ קורנאָסע טאָכטער — אַף אַ מכה אַ פּרישטש — אַף וועלכער ס'האָט זיך קיין בעלן ניט געפונען, כאָטש שריי חי וקים. און געוואוירע ווערנדיק, אַז יואל לעבט מיט זיין גרקע ניט אַזוי

---

*) אַ מין איינגעמויערטער קעסל, אין וועלכן מ'זידט אויף טיי.

שווה בשווה, האָט זי פריער אָנגעהויבן ארויסלאָזן א קלאנג, אז „די גרקע איז ניט באם גאנצן זין" און דערנאָך האָט זי וואוויליונגעריש אָנגעהויבן ארויפליינגן א האנט אף יואלס פּלייצע און צעגייענדיק זיך ממש ווי פוטער־פּאר ווייכשמייכלענדיקייט, פלעג זי זאגן: „צו וואס טויג זי דיר, די משו־גענע באלגארקע? א אידישע טאָכטער נעם, וועסטו זיך דאָך מחיה זיין, דו נאר"... די קארנאסע אליין האָט אויך אָנגעהויבן זיך צושארן צו יואלן, און ס'האָט אים פארשמעקט... „עפּעס האָט ער געטענהט צו זיך אליין — אן אנדער לשון, אן אנדער ריח..."

און די בערישיכע האָט געארבעט אירס. זי האָט אלץ פארשפּרייט קלאנגען, אז די גרקע איז ניט באם זינען און דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן צוהערן, צוקוקן. לאה האָט אויך דערזען, אז מען באארבעט זי, יואל קומט צו אָפּט אריין צו דער בערישיכע, רעדט צופיל מיט דער קארנאסע. און איינ־מאל, ווען זי האָט געפּאקט יואלן שטיין מיט דער קארנאסע נעבן א פּלויט און מער רעדן מיט די הענט, ווי מיטן מויל, האָט זי אָנגעהויבן שרייען, אז ס'איז געפאלן א מורא:

— אידישע קינדער, זעט! זי רעדט מיר אָפּ מיין מאן, די קארנאסע... כישוף טוט זי אים... כישוף...

דאָס קול איז בא איר פּלוצים געווארן דין און קוויטשענדיק און דאס טיכל איז בא איר אראפּגעפאלן און די פלאקסענע האָר האָבן זיך איר צע־פּאטלט און איננאנצן האָט זי אויסגעזען ווי א מכשפה. דער עולם האָט זיך דערשראָקן. תיכּף האָט זיך באוויזן די בערישיכע און אָנגעהויבן שרייען נאָך העכער פון איר:

— אידישע קינדער, איר זעט ניט, אז זי איז משוגע... בינדט זי, פּירט זי אוועק...

צורירן זיך צו איר, האָט מען מורא געהאט, נאר „משוגענע" האָט מען אָנגעהויבן שרייען פון אלע זייטן. און די קינדערלעך וואס זיינען ערשט גע־שטאַנען בלייכע און איבערגעשראקענע און בא וועלכע די טרערן זיינען נאָך ניט פארטרוקנט געווארן אף די בעקלעך, האָבן אָנגעהויבן שמייכלען און שרייען „משוגענע, „משוגענע"... און לאה איז אזוי צעמישט געווארן, אז זי האָט זיך געלאָזט לויפן טאקע ווי א משוגענע און איז שוין אין יע־

נער נאכט מער ניט אהיים געקומען.

וואו לאה איז א גאנצע נאכט געווען האָט מען ניט געוואוסט. אייניקע האָבן געזאגט, אז זי האָט זיך ארומגעדרייט אפן בית עולם צוזאמען מיט אן אנדער משוגענער, וועלכע מען האָט גערופן די „מוטער רחל". דעם צווייטן באנאכט איז זי געקומען צו יואלס טיר און אָנגעקלאפּט. זי האָט צו אים גערעדט אף באַלגאריש:

— איך בין עס, דיין ליא... כ'האָב דאָך אַלע כלאפּצעס איבערגעלאזט, טאָדאָרן אפילו, וואס האָט געקענט די טינע אריבערגיין און בין צו דיר געלאפן...

און פּלוצים האָט זי גענומען זינגען א ליד, וואס זי פלעג אמאָל זינגען יואלקען, ווען זי האָט אים געוואָלט געפעלן און דאס ליד איז יואלקען געקראכן גלייך אין הארצן אריין. ער איז געווען גרייט צו עפענען די טיר און פאלן פאר איר אפילו צו די פיס און בעטן בא איר, אז זי זאָל אים מוחל זיין פאר דעם שלעכטס, וואס ער האָט איר געטון... איז פּלוצים אָנגעקומען די בערישיכע מיט א קאטשערע און אָנגעהויבן שרייען:

— אוועק, דו משוגענע, אַוועק...

און לאה האָט זיך איבערגעשראקן און איז אוועק. און אזוי איז געווען נאכט אף נאכט, ביז וואנען זי האָט אינגאנצן אויפגעהערט צו קומען. זי פלעג זיך אנידערזעצן אף די טרעפּ פון בית מדרש און וויינען. און אז מען האָט זי פון דארט אויך פארטריבן, פלעג זי זיך זעצן אף די טרעפּ פון א קלויסטער, איר איז אויסגעקומען, אז ביידע זיינען הייליק און ביידע זיינען אירע... און וויינענדיק אזוי כסדר נעבן קלויסטער און נעבן בית מדרש, זיינען די שוואכע אויגן אויסגערונען און זי איז בלינד געווארן. זי פלעג שוין ארומגיין מיט א לאנגן שטעקן, טאפּן דעם וועג און שרייען:

— פירט מיך צום רב, איך וויל זיך אויסטענהן מיט אים... צום רב...

יואל איז אויך געגאנגען צום רב. ער האָט געוואָלט איר געבן א גט. האָט אָבער דער רב געזאגט, אז ער קען ניט, זי איז חסר דעה און מען מוז האָבן אן הרשאה פון הונדערט רבנים... די בערישיכע האָט אפילו גענומען דרייען צוריק, אָנגעהויבן טענהן, אז זי איז בא אלע געדאנקען, נאָר פשוט ער קען ניט לעבן מיט איר, ווייל זי איז א באלגארקע און זי איז בלינד,

ס׳האָט איר שוין אָבער קיינער ניט געגלויבט. און יואל האָט געמוזט שטעלן א שטילע חופּה מיט דער קאַרנאַסער און זיך ארויסגאַנווענען באַנאַכט פון דער שטאָט מיט די בעביכעס און מיט דער נייער פּלוניתטע.

— ,,גאר ניט געגאַנוועט — האָט מען געזאָגט — און געמוזט אוועק ווי א גנב״...

VI

א לאַנגע צייט איז לאה, די גרקע, געזעסן דורך די נעכט נעבן בית מדרש און נעבן קלויסטער להבדיל, און געוויינט, און באַטאָג, האָט זי גע־קלאַפּט מיט דעם שטעקן אין די ווענט און געשריען וויינענדיק אף אידיש און אף באָלגאַריש:

— אידישע קינדער, וואו איז מיין יואל? גוטע קריסטן, וואו איז מיין יואל? גיט מיר אים אָפּ... גיט מיר אים אָפּ...

און פּלוצים איז זי נעלם געוואָרן. קיינער האָט ניט געוואוסט וואוהין זי איז אהינגעקומען. אייניקע האָבן געזאָגט, אז זי איז אוועק צוריק אין דאָרף אריין צום הייליקן טאָדאָר. האָבן זיך אבער אַנדערע געשוואוירן, אז טאָדאָר איז דערטרונקען געוואָרן,(געגאַנגען אזוי לאַנג איבערן וואסער ביז ר׳איז דערטרונקען געוואָרן).

און אויסגעלאָזט האָט זיך, אז לאה די גרקע, האָט זיך באַזעצט באַ דער ,,מוטער רחל״. די ,,מוטער רחל״ איז אַמאָל געווען א שיין מיידל, אזוי שיין, אז מען האָט איר אַ נאָמען געגעבן ,,רחלע די שיינע״. די עלטערן זיינען אוועק קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ווען זי איז נאָך געווען א קליין מיידע־לע, און איר האָבן זיי אף דער גאַס איבערגעלאָזט. זי האָט א גאַנצן טאָג געוויינט און קיינער האָט זיך אף איר ניט אומגעקוקט — זי האָט געהאַט א טבע צו וויינען. דערנאָך האָט זי זיך אַ גאַנצע נאַכט געוואַלגערט אונטער אַ פּלויט, עפּעס אין א הויף, אף וועלכן מען האָט געזאָגט, אז ס׳איז דאָרט אַמאָל געווען א בית עולם און מתים דרייען זיך דאָרט ארום. אַפן צווייטן אינדערפרי, ערשט האָט מען זיך אומגעקוקט, אז אירע עלטערן זיינען ניטאָ.

און מען האָט זי אַרייַנגענומען אין הקדש־שטיבל אַריין. זי איז שוין אָבער געווען אַביסל געריַרט. אַזוי איז זי דוכט זיך געווען אַ קינד ווי אַלע און פּלוצים האָט זי געקענט נעמען וויינען און דערציילן:

— אַזאַ גרויסער איז ער געווען, דער מת, אַ ווייסע באָרד האָט ער געהאַט און אין ווייסן איז ער געווען אָנגעטון. אין ווייסן... און מיר האָט ווייי געטון, ווען ר'איז געווען נעבן מיר... גוט ווייי געטון, אַזוי גוט...

און פּלוצים האָט מען גאָר דערזען, אַז די „שיינע רחלע" טראָגט. אַ קינד פון קוים דרייצן יאָר אַלט געווען און געטראָגן. און אַ קינד האָט זי געבוירן אַ טויטס. און ווען דער שמש האָט דאָס קינד אַוועקגעטראָגן אויפן הייליקן אָרט, איז זי קראַנקערהייד נאָכגעלאָפן, געקוקט ווי מען באַגראָבט עס און צוריקגייענדיק געוויינט און געשריען:

— טאַ, קינדאַלע, טאַ...

און פון זייט דאַמאָלט אָן, אַז זי האָט געזען ערגעץ אַ קינדאַלע, פלעג זי שטיין נעבן דעם, לאַכן דערצו, וויינען, און האָט זי געהאַט אַ גראָשן, פלעג זי קויפן צוקערלעך און צעטיילן די קינדערלעך. מאַמעס פלעגן זיך מחיה זיין, אַז זיי האָבן זי דערזען, פאַרשפּאַרט ניאַנטשען די קינדערלעך, די שיינע רחלע האָט זיי געניאַנטשעט. און פון זיך אַליין האָט מען זי אָנגעהויבן רופן „די מוטער רחל"...

נאָר איינמאָל איז אַ קינדאַלע געשטאָרבן, ווען די „מוטער רחל" האָט זיך געשפּילט מיט דעם, און פון דעמאָלט אָן, אַז מען האָט זי געזען זיך דערנענטערן צו אַ קינד, האָט מען זי געטריבן פּשוט מיט דרוקעס. מען האָט זי ניט געלאָזט איינשטיין נעבן קיין קינד, און מען האָט זי אַזוי לאַנג געטריבן, ביז מען האָט זי פאַרטריבן אין דעם הויף, אויף וועלכן מען האָט געזאָגט, אַז ס'איז דאָרט געווען אַ הייליק אָרט — ס'איז דאָרטן געווען עפּעס אַ מין איינגעפאַלן הייזל. אין דעם דאָזיקן איינגעפאַלענעם הייזל איז זי געליגן טאָג און נאַכט און געווים זיך געחברט מיט „יענע לייט", מען האָט אַפילו געהערט אַלע נאַכט געלעכטערס ווילדע און טומלענישן. אַ סאַך מאָל איז אַהין געגאַנגען שפּילן אַליאַשאַ, דער בלינדער ציגיינערשער קלעזמער. און אַז מען האָט אים געפרעגט אויפן צווייטן טאָג, וואָס ער האָט דאָרט געטון, האָט ער ניט געדענקט... געזאָגט האָט מען, אַז עס האָט זיך פאַר־

קליבן אהין די באָבע טאַלצע אליין, וואס איז כידוע א גרויסע מורשעת, האָט ליב זיך פארשטעלן ווי א קוקוסטערקע און צוכאפּן קליינע קינדער, אדער גלאַט אזוי, אָנברענגען פּורעניותן אף קינדער. און צו דער דאַזיקער „מוטער רחל״ — דער נאָמען איז איר פארבליבן — האָט זיך לאה די גרקע ארייַנגעקליבן. בלינדערהייט האָט זי אזוי געטאַפּט מיטן שטעקן דעם וועג און אים דערטאַפּט.

דער געטומל אין דער חורבה איז נאָך געווארן שטארקער. נאכט אף נאכט זיינען די קולות געגאנגען עד לב השמים און אליאשא דער קלעזמער פלעג אליין שפּילן און פלעג זאָגן דערנאָך, אז ער געדענקט ניט. די ווייבער האָבן מורא געהאַט צו טראכטן וועגן דער גאנצער געשיכטע, ווער שמועסט א טראַגענדיקע האָט מען אָנגעזאָגט זהיר וזהיר ניט א קלער צו טון, ווייל מען קען חלילה מפּיל זיין און דאָך פלעג זיין דאס ערשטע ווארט בא א באַגעגעניש צווישן ווייבער:

— לאה די גרקע און די „מוטער רחל״, ווי איז צו אונזער יאר...

אין די דאַזיקע ווערטער האָט געשטעקט א ים מיט פּחד און ווייטיק. ווייל צרות האָבן די דאַזיקע צוויי מכשפות געגוג אָנגעטון דער שטאָט. עס איז ניט געווען איין צרה, אף וועלכער מען האָט ניט געזאָגט, אז זיי האָבן זי ארויפגעבראכט אף דער שטאָט. מילא, אז א קינד איז געשטארבן, איז אפּגערעדט, ס׳איז דאָך געווען צווישן זיי די באָבע טאַלצע, וואס איז א פרעסערן אף קינדער. און אז ס׳איז געשטארבן א בחור, איז דאָך דאס אוואדע געווען דער „מוטער רחלס ארבעט״. זי האָט זיך דאָך באגראָבן יונגערהייד, א חוץ אמאָל מיט א מת, האָט זי דאָך נעבעך מיט קיינעם ניט חתונה געהאט... און אז ס׳זיינען געשטאָרבן קימפּעטארנס איז דאָך שוין אוואדע געווען לאהס ארבעט, ס׳איז דאָך געווען ברור וידוע, אז זי זוכט די קארנאסע, זי האָט דאָך ניט געוואוסט, אז זי איז אוועק מיט יואלן ער־געץ מעבר לים, האָט זי געטראָפן צו די שכנות. א פּוסטקע איז געווארן אין באַד געסל, מען איז פון דארט אנטלאָפן ווי פון א שווארץ יאר רחמנא ליצלן...

ס׳איז געגאנגען אזוי ווייט, אז די שטאָט האָט אָנגעהויבן ליארמען און איבערקערן וועלטן, אז דער רב זאל עפּעס טון. און דער רב — א ברירה

האט ער געהאט — האט געשיקט דעם שמש מיטן שטעקן פרעגן בא זיי וואס זיי ווילן, אז זיי זאלן לאזן במנוחה די שטאט. און די חצופות האבן געענטפערט איין ווארט:

— מענער...

און ס'האט גארניט געהאלפן. דער רב האט געמוזט ארויסקריגן חתימות פון הונדערט רבנים און דערנאך א גט פון יואל באלגאר, וואס האט זיך געפונען ערגעץ מעבר לים און דערנאך ערשט האט מען לאה, די גרקע און די מוטער רחל חתונה געמאכט פאר צוויי שטומע בחורים, וואס מען האט ארויסגעזוכט ערגעץ אין א קעשענעווער הקדש.

און א חתונה מיט א סעודה איז געווען — עין לא ראתה. און טאקע דעמאלט האט מען אנגענומען אן החלטה דעם גאנצן ענין צו באשרייבן אין פנקס און מזהיר זיין, אז להבא זאלן אידן ניט חתונה האבן פאר באל־גארקעס אפילו, ווען זיי זיינען זיך מגיר און ניט איבערלאזן קיין קליינע מיידלעך אף הפקר, ווייל זיי קאנען חלילה ברענגען א צרה אפן כלל...

אייביק אין סוכה

מיין טאטנס זכר געהייליקט.

— ר׳ זיינוויל, זאגסטו, געשטארבן? אר־ווא... בריך דיין אמת! א גרויסער איד געווען, א גרויסער... וואס ווייסטו? ביסט דאך נאך א צוציק... איך געדענק נאך ר׳ זיינוולען בשעת, בשעת... ר׳איז נאך א יונגערמאן געווען. שוין דעמולט געווען א כלי! זיין הכנסת אורחים איז דאך אין לשער... באטאג פלעגט זיי אנבייסן נאר פאר די בני בית און אורחים, ר׳ זיינוויל האט געגעסן א לעפל געקעכטס נאר צו וועטשערע. אז ס׳פלעגט זיך טרעפן, ס׳איז אומגערעכט אן אורח אנגעקומען באנאכט, פלעגט ער אריין צו דער פלוניתטע:

— הארכסטו, וואס האסטו מיר געקאכט וועטשערע?

— א יויך, סערדצע!

— וועסט גיבן דאס יאכל דעם אידן, דיין גראבער יונג קאן עסן „סיראוועטקע"...

ר׳האט דאך געהאט צוואנציקערליי געשעפטן. ס׳איז אים געבליבן בירושה אן עשרות — נאר ווער האט זיך אף זיי אומגעקוקט? ר׳האט זיך געהאלטן בא דער מיל א נאמן, בא די גערטנער א נאמן, בא די וויינגערטנער א נאמן און אליין איז ער געזעסן און געלערנט. אחד לשלשים האט ער זיך גערעכנט מיט זיי; א שיין מין חשבון פלעג עס זיין! בא יעדן חשבון — א נייע הוספה. ר׳האט נאר מורא געהאט, אז זיינע מענטשן האבן, חלילה, ניט די־צרכם.

כ׳ווייס ניט, צי דו האסט אים געזען אמאל... זיין הדרת פנים איז דאך ניט צום באשרייבן... נאר דו הארכסט? אזוי ווי ער האט אויסגעזען סכות איז... עפעס... וואס זאל איך זאגן? כ׳האב ניט קיין ווערטער... פחדים...

זיין קרעכץ: הרחמן הוא יקום לנו סוכת דוד הנופלת! ס'האָט ממש מרעיש עולמית געווען!..

צו הושענות פלעג אים דער חזן אפּטרעטן דעם פּלאַץ; איז דאס געווען א הושענות זאָגן! מוחות האָט עס געבראכן... ער פלעג א געשריי טון:

— הושענא למען אמתך... רבונו של עולם העלף! העלף דיין אמת!

האָבן די ווענט געציטערט... איי, פלעג ער צעברעכן מיט זיינע הושענות...

כע... כ'האב בא אים אמאל סכות געהאלטן... דעמולט האב איך געזען, וואס הייסט הידור־מצוה! זיין סוכה... ער האָט דאָך געוואוינט אין די „קאָדרעס" *) און געהאט אייגענע גערטנער און וויינגערטנער... זאלסט געוועזן אנקוקן א סוכה אין ר' זיינוועלס וויינגארטן! א סכך! באהאנגען מיט כל המינים פּירות! ס'האט געשיינט! און אליין זיך מתעסק געווען! אליין באהאנגען די ווענט מיט ווייסע ליילעכער, אליין זיך געדראפּעט אַף דעם לייטער צו באצירן דעם סכך...

נאָר — ז'האָט טאקע געלויכטן... ארײנקומענדיק אהין דעם ערשטן אויפדערנאכט, בין איך פארבלענדט געווארן... ס'האט זיך מיר ממש אויס־געוויזן, אז סכת דוד הנופלת איז צוריקגעשטעלט... חע, חע... און ווי אזוי ר' זיינוויל אליין האָט אויסגעזען אין דער סוכה... זיין קידוש און — זיין לחיים טרונקען!

— לחיים! האָט ער געזאגט — דער רבש"ע זאל זיך אליין העלפן... אז סע שטייט בצרתם לו צר, איז דאך ניט שייך... דארף דאָך, כביכול, אליין א ישועה... זיין אייגענע סוכה אליין אויפשטעלן!..

עך, עך... איך רעד פון ר' זיינוולען גלייך ווי פון א לעבעדיקן... ער שטייט מיר פאר די אויגן איך זע אים ווי דורך א זיפּ... הע! סע טרערט זיך, באטש מען טאָר ניט... זכרונו לברכה! יאָ... אין סוכה האָט ער מיר א מעשה דערציילט — די בני בית זיינען שוין געווען אין שטוב און מיר ביידע זיינען געבליבן שלאפן אין סוכה.

---

*) א געגנט אין בעסאראביע — נעבן קישינעוו — וואו ס'זיינען דאָ א סאך גערטנער און וויינגערטנער.

— כ'האב נאָך קיין המפיל ניט געזאגט — האָט ער מיר געזאגט, ליגנ־דיק אונטער דער קאָלדרע שוין און וואשנדיק זיך די הענט — לאמיך דיר א מעשה דערציילן. מיר ריידן דאָך פון אים, לאמיך זי דיר איבערדערציילן... כ'געדיינק זי, דאכט זיך, מלה במלה... ס'איז אן הזכרה.

ס'איז געווען — האָט ער אנגעהויבן, — אין די צייטן ווען אידן זיינען נאָך געווען אידן... אזוינע הולטייעס ווי איך זיינען ניט געווען... אידן זיינען נאָך געווען גרויס, זיי האבן געלעבט מיטן חיות פון די מצוות... איז דאָ, טאקע בא אונדז אין די „קאָדרעס" געווען א ר' חיים סוכה... מ'האט אים גערופן אזוי, ווייל, די מצוות־סוכה איז בא אים געווען לעילא ולעילא! — „בצלו חמדתי וישבתי"!.. פארשטייסט; ער איז געווען א גרויסער בעל זכות, ווען ניט זיין זכות אבות וואלט ער ר"ל נכשל געווארן...

א שטוב — פלעגט ער זאגן — איז בחינת שכל, א שטוב פארמאכט פון אלע זייטן!.. פארהאקט טיר און לאָדן, קוים א שיין דורך א שפעלטעקל... שטייט, דאכט זיך, אף א יסוד און אז בלייבסט אין שטוב איינער מיט זיך אליין — הויבט דיר אָן קלינגען אין די אויערן און... און ס'דאכט זיך אָט, אָט פאלן אף דיר די ווענט?.. אנדערש סוכה! סוכה איז אמונה! א טייערע זאך! זי נעמט דיר ארום אלע דיינע רמ"ח אברים מיט א ליבן תענוג!

און די בלויע יריעה פונם רבונו של עולמס ספר־תורה מיט אירע גיל־דענע אותיות איבער דעם קאָפּ! און די אותיות קוקן! קוקן צו דיר דורך די שפאלטן פונם סכך! און ווינקען צו דיר און טרייסטן דיך, מחיה נפשות! „מציץ מן החרכים"! פארשטייסט?

קומט דער ר' חיים סוכה אריין אין זיין סוכה דעם ערשטן אף דער נאכט פון יום־טוב און ווערט נתפעל... א סוכה! א יופי! א אור!

— רבש"ע — האָט ער זיך אפגערופן — ווי שיין דיין סוכה איז! איך טו א נדר א גאנץ יאָר ניט ארויסגיין פון דאנען...

און ווינטערס זיינען דעמולט געווען!.. בא אונדז, אין די קאָדרעס איז דאָך ווארעם, נאָר דעמולט האָט זיך סיביר צו אונדז אריבערגעצויגן... א פנים מ'האט אים מן השמים געוואלט פרואוון...

איינמאָל איז טאקע געווען פּחדים!.. א זאווערוכע, אז די וועלט האָט זיך איבערגעקערט... דער מרא דאתרא איז אים געקומען מתיר נדר זיין, ר' חיים, האָט ניט געוואלט הערן...

— ווען ס'איז קאלט איז קאלט און מיר איז ווארעם! — האָט ער געענטפערט.

מן השמים האָט מען אבער געזען, אז ס'איז סכנות נפשות, א גרויסער נסיון! דער בעל־דבר האָט ניט געשוויגן... האָט מען זיך מרחם געווען. באנאכט א דרום־ווינט געשיקט און ער האָט פארטראגן ר' חיימן אינאיינעם מיט זיין סוכה אין די ווארעמע לענדער.

מען זאגט, ער געפינט זיך נאָך עד־היום דאָרט.

קבצנים

I.

דער פילטעשקעס פרנסות

געהייסן האָט דער איין און איינציקער בעטלער פון אונדזער שטעטל וועלוול פינקלשטיין, נאָר גערופן האָט מען אים „פילטעש״, ווייל ער האָט אויסגעזען ווי א פילטשיק רעטעכל: געהאט א גראָב קעפּל, א געשטופּלט פּנימל און דינע פיסלעך. וועגן דעם ווי אזוי „פילטעש״ איז געוואָרן אפי־ציעלער בעטלער אין שטעטל האָט מען דערציילט א באַרג מיט געשיכטעס און גוזמאות, איין געשיכטע, די מער קרוב לאמתדיקע וועלן מיר איבער־דערציילן:

בעת וועלוול פינקלשטיין איז נאָך געווען גאָר א יונגערמאַן איז ער רחמנא ליצלן פּלוצים געבליבן אָן פרנסה. געוואוינט האָט ער דעמולט ערגעץ אין א פּויליש שטעטל. איז ער געפאָרן צו א גוטן אידן, צום קאָצקער, צי צום גערער, בעטן אַ פרנסה, האָט אים דער דאָזיקער גוטער איד געזאָגט:

— פאָר קיין בעסאראביע, דאָרט האָבן אידן פרנסה בפה מלא, וועסטו אויך אי״ה קריגן א לייכטע פרנסה.

האָט וועלוול געפאָלגט, אוועקגעפאָרן קיין בעסאראביע און אזוי ארום אנגעקומען צו אונדז אין שטעטל אריין וואו ער האָט געקריגן אביסל פרנסה, א צונאָמען און אראָפּגעבראַכט די פּלוניתטע מיט די קינדער. די פּלוניתטע איז געווען דער היפּוך פון וועלוולען — א הויכע, א געזונטע, א בלוט און מילכדיקע, יאָדערדיקע אידענע מיט לעבעדיק ליידנשאפטלעכע אויגן: מ׳האָט איר דאָך א נאָמען געגעבן „די פילטעשקע״, כאָטש איר האָט גיכער געפּאַסט צו גייען אין די הויזן. די פילטעשקע האָט אויסגעפונען, אז מיטן וואָרט א „לייכטע פרנסה״ האָט דער רבי געמיינט — קצבה. ווארום וואָס

קען נאָך זיין גרינגער ווי נעמען? אז ס׳וועט זיין דערפון פרנסה אין דעם איז זי געווען זיכער. ס׳שטעטל איז געווען א רייכס, א חוץ א פּאָר יורדים, וואס האבן אמאל געקריגן א „מתן בסתר״ זיינען קיין קבצנים ניט געווען און מ׳איז ממש געווען זשעדנע אין א קבצן.

די פילטעשקע האָט אין איר חשבון קיין טעות ניט געהאט, זי האָט תיכף געקריגן פרנסה מיטן פולן מויל און געלעבט בעסער ווי א פּוילישע נגידותטע. קודם כל האָט זי געקריגן קצבה פון דער שטאָט אזוי פיל, אז ס׳איז שוין כמעט גענוג געווען אף צו לעבן, חוץ דעם איז פילטעש ארומ־געגאנגען אלע מאנטיק און דאנערשטיק איבער די הייזער און זי אליין איז ארומגעגאנגען אלע פרייטיק איבער די קיכן. א מענטש האָט דאָך גרויסע אויגן, האָט זיך די פילטעשקע דערטראכט צו נייע פרנסות: די שטאָט האָט געהאט צוויי קעסטקינדער: דעם שטאָט משוגענעם און עפּעס א מויד, א באָק, וועלכע מ׳האָט גערופן „דאָס מומאלע״, האָט די פילטעשקע ארייג־גענומען צו זיך די דאָזיקע צוויי אף קווארטיר, זיי געגעבן עסן קרענק אפן זייגער און באקומען פאר זיי וואכנגעלט פון דער שטאָט. און נאָך א פרנסה האָט די פילטעשקע געהאט: זי האָט געווארפן קאָרטן, געגאָסן וואקס און בליי, געשפּראָכן און סתם געהיילט אלערליי קרענק. זי האָט זיך אפילו געפּרואווט אויספירן שידוכים אויך, נאר דאָ איז איר שוין ניט געגאנגען, ווייל זי האָט געהאַט א לאנגע צונג, ליב געהאַט אָנצורעדן אף יענעם, און אָנפירן פּליאָטקעס און אזוי ארום א סאך מאָל מיט דער אייגענער לשון הרע קאליע געמאַכט די שידוכים, וואס זי האָט געוואלט אויספירן...

צו די אלע „פרנסות״ האָט זיך די פילטעשקע אויסגעזוכט איינע א שפּאָגל נייע, וואס האָט איר ארייננגעבראכט מער ווי די אלע פריערדיקע... ס׳האָבן פּלוצים אָנגעהויבן ארייננצוגיין צו איר א פּאָר אלמנס פון שטעטל און דוקא, ווען דער מאַן איז ניט געווען אין דער היים. געהייסן האָט דאָס אז זיי גייען זיך ווארפן קאָרטן, אָדער פרעגן אף א שידוך, אָבער אין שטאָט האָט מען אָנגעהויבן מורמלען. דערווייל איז בא א שכן געשטארבן א קינד און ער איז געלאָפן צום רב, האָט ניט געלאָזט עפענען דעם ארון קדוש אין א שבת מברכים: „אזא נבלה״ — האָט ער געשריגן — אן „אשת איש״... און ער האָט דערביי אויסגערופן א חרם מיט א הארבער קללה און — צי

די פּילטעשקע האָט זיך דערשראָקן, צי די אַלמנס האָבן זיך דערשראָקן, נאָר די דאָזיקע „פּרנסה" האָט די פּילטעשקע אָנגעוואוירן.

אָן „פּרנסות" האָט אָבער די פּילטעשקע ניט געקענט לעבן און זי האָט גיך „דערפונען" א מין זאַלב אַזוינע, וואָס מאַכט לויטער דאָס פּנים „ווי א בורשטין". קיין גאר אַלטע מיידן זיינען אין יענע צייטן אין שטעטל ניט געווען, דאָך זיינען שוין געווען מיידלעך מיט פּרישטשעס אַפן פּנים און מ׳האָט אָנגעהויבן לויפן צו פּילטעשקען נאָך זאַלב, ווי נאָך מצה־וואַסער. אפילו אַזוינע מיידלעך, וואָס האָבן קיין פּרישטשעס ניט געהאַט, זיינען אויך געלאָפן. צי די זאַלב האָט טאַקע געהאָלפן, קען מען ניט וויסן, א טייל האָבן געזאָגט, אַז מ׳האָט פון דער זאַלב ניט באַקומען ווי אויסגעהיילט פּרישטשעס, קיין קונים האָבן אָבער דאָך ניט געפעלט...

איז אָבער באַשערט געווען, אַז די פּילטעשקע זאָל מוזן בלייבן אָן דער דאָזיקער פּרנסה אויך און ווידער אַמאָל מיט א סקאַנדאַל און מיט א חרם. היות בא די פּילטעשקע זיינען תמיד געווען מיידלעך, האָבן זיך אָנגעהויבן זאַנאָדען אַהין אינגלעך־שאַלטיקעס און אפילו שקצים. די דאָזיקע חברה־לייט האָבן געוואוסט ווי אַזוי אומצוגיין מיט דער „מומע" און ווי אַזוי זי אונטערצוקויפן און זי האָט זיי מיט גאָרניט געשטערט, נאָר טאַקע אונטער־געהאָלפן אויך... ס׳איז געגאַנגען אַזוי ווייט ביז וואַנען ס׳האָט זיך גע־טראָפן א מיאוסע מעשה און דוקא מיטן שענסטן באַלעבאָס טאָכטער און טאַקע מיט א שוחטס א מיידל אויך. אין דער שטאָט האָט זיך אויפגעהויבן א „ויצעקו" און דער רב האָט ווידעראַמאָל אויסגערופן א חרם מיטן הארבן וואָרט אַף דער זאַלב און די פּילטעשקע האָט זיך אָפּגעלאָזט דערפון. ס׳פלעג נאָך אַמאָל צו איר אָ שיקסע נאָך אביסל זאַלב, ס׳איז שוין אָבער ניט געווען דאָס...

די פּילטעשקע האָט אָבער ניט גערוט, מיט קצבה אליין האָט זי זיך ניט געקענט באַגיין, און זי האָט זיך דערטראַכט צו א נייער פּרנסה, דאָס מאָל צו אַזאַ קראַנטנער, אַז זי איז שיעור ניט געוואָרן קיין נגידתטע... אין שטעטל האָט כמעט יעדער באַלעבאַס געהאַט א ציג און קהל האָט געהאַט א בשותפותדיקן צאַפּ. דאַרף זיך טרעפן, אַז דער קהלישער צאַפּ זאָל פּגרן, א טייל האָבן געזאָגט, אַז די פּילטעשקע האָט אים פאַרסאַמט. און איידער

וואס ווען, איז שוין בא פילטעשקען געווען א צאפ. קהל האט אפילו גע־וואלט קויפן א נייעם, האט פילטעשע, אזוי שטיל ווי ער איז געווען, נית געלאזט עפנען דעם ארון קדוש און היות זיין צאפ איז געווען א געזונטער, א שיינער און פון א פריצישער „פאראדע", האט קהל מער קיין צאפ נית געקויפט. פינף קאפיקעס האט די פילטעשקע גענומען פאר אריינלאזן א ציג אין הויף אריין בא א קבצן, און בא א נגיד — צען און פופצן אויך. אן עשרות האט זי געמאכט...

אז ס'איז באשערט צו פארבלייבן א קבצן, מעגסטו זיך שטעלן אפן קאפ. די פילטעשקע האט זיך צוקריגט מיט א שכן און אים געסטראשעט: „איך וועל דיין ציג צו מיר אין הויף נית ארײנלאזן!" און זי האט געהאלטן ווארט... דער שכן איז אבער אויך נית געווען קיין פראמעך און האט אנגע־מאכט א ליארם: „דו וועסט נעמען מיינע א יונגע ציג און זי מאכן יאלאווע, איך וועל דיר ווייזן..." און ער האט אנגעהויבן איינרעדן דעם עולם, אז קיינער זאל נית שיקן די ציגן צו פילטעשקען. דער עולם האט צוגעזאגט און שטילערהייד געשיקט די ציגן אין הויף אריין... האט זיך מישב געווען דער שכן און גענומען פארשטיינערן דעם צאפ ביז ס'איז פון אים פאר־בליבן א בארג ביינער... לצים האבן נאכגעמאכט ווי אזוי די פילטעשקע האט דעם צאפ באוויינט:

— קרוין מיינער — האט זי געזאגט — שיינע צורה מיינע,ביידע האבן מיר געליטן צרות, ווייל מיר זיינען אין דער פרעמד... אין דער היים, אין פוילן, וואלט נית איך און נית דו, נית געליטן אזוינע צרות...

און קהל האט פון סניי געקויפט א צאפ. די פילטעשקע האט אפילו געהאלטן אין איין זאגן, אז זי וועט קויפן א נייעם צאפ און פון אזא פארא־דע, אז אלע וועלן שיקן צו איר, אבער זי האט דאס נית געטון אביסל פאר מורא און אביסל, ווייל פונם גאנצן „עשרות" האט זי דאך נית אפגעשפארט אף קיין צאפ...

דערוויל איז די פילטעשקע עלטער געווארן, די בלוטן האבן זיך אפגע־קילט און די קינדער זיינען אונטערגעוואקסן און די פילטעשקע האט גע־וואוסט, אז „ווען מ'האט קינדער אין די וויגן, דארף מען לאזן לייטן צו־פרידן" און זי האט זיך אפגעלאזט פון אלע „פרנסות" און זיך אנגעהויבן

אפּגעבן נאָר מיט בעטלן, קאַרטן־וואַרפן און אף ראש השנה און יום־כיפור איז זי געוואָרן א פירזאָגערן. און די שטאָט איז געווען צופרידן, פילטעש איז געווען צופרידן און די פילטעשקע איז געווען צופרידן...

II

דער פילטעשקעס טאָכטער

— מיין ווייב איז דאָך א פּעפּערל, אבער ס׳וואַקסט באַ מיר א טעכטערל, א מיזינקע וועט זי נאָך זיין א סאך געפּעפּערטער ווי די מאַמע.

די דאַזיקע ווערטער פלעגט תמיד זאָגן דער אַלטער פילטעש און די שטופּלען פונם פּנימל פלעגן באַ אים בשעת מעשה מאָדנע שוויצן. באַם אָנהויב האָט מען זיך צו זיינע ווערטער ניט צוגעהערט, ווייל מ׳האָט אים בכלל שוין געהאַלטן פאַר עובר בטל, דערצו נאָך האָט דאָס טעכטערל אויסגעזען אַזוי קליין און אַזוי שטיל, אַז קיינער האָט זיך ניט געגלויבט, אַז זי איז אפילו אַביסל ענלעך צו דער מוטער. אויסגעלאָזט האָט זיך אָבער, אַז דער אַלטער עובר בטל איז געווען גערעכט. דאָס טעכטערל האָט מיטאַמאָל א וואַקס געטון און אָנגעהויבן בליען ווי א רויז. געהייסן האָט זי דווקא סאָניטשקע... „אַנדערש שטייט איר ניט אָן דער קבצנטע״ — האָבן געזאָגט די פרומאַקעס פון שטעטל. איז געווען הימל און ערד און סאָניטשקע. אַז ווער ס׳זאָל אַכטונג געבן איז ניט געווען, זיינען איר נאָכגעלאָפן יונגלעך און שקצים און אפילו אַלטע אידן. און מיט אַלע האָט זי גערעדט און צו יעדן האָט זי געוואונקען און מאַמעס האָבן זיך שוין אפילו געקלאָגט, אַז איבער איר קען מען די טעכטער ניט אַרויסלאָזן אף דער ליכטיקער שיין. א טייל האָבן זיך אפילו געפּרוואוט גיין צום רב און אים בעטן ער זאָל עפּעס זען טון, אָבער דער רב איז שוין דאַמאָלט געווען דעם אַלטנס א זון, וואָס האָט מורא געהאַט אַריינצופּליינטערן אין חרם אַריין, האָט ער געקנייטשט מיט די פּלייצעס און געענטפערט:

— א פנויה... מ׳קען גארניט טון...

די געמיינע לייט פונם באָד־געסל זיינען אף סאָניטשקען דווקא ניט געווען ברוגז. צוליב איר האָבן אָנגעהויבן אראָפּקומען אין באָד־געסל בחורים פון די אויבערשטע גאסן, האָבן זיי געגעבן צו לייזן אין די קלייטלעך פאר צור־קערלעך, בייגל, קערלעך. די מיידלעך האָבן זיי געמאכט מתנות. ס׳זיינען אפילו א פּאָר שידוכים געווארן... סאָניטשקע איז נאר געווארן געהויכט און געקרוינט און די אלטע פילטעשקע פלעג זיך אָפּט ווישן די טרערן פאר נחת...

קיין אייביקער נחת איז אָבער ניט באשערט געווען. סאָניטשקע איז אמאָל קראנק געווארן און אוועקגעגאנגען אין שפּיטאל אריין און מער איז זי שוין פון דארט ניט צוריקגעקומען. א דאָקטאר איז דארט געווען עפּעס א פּעטערבורגער קריסט, א צעדרייטער מיט בלויע ברילן, האָט ער זיך אזוי פארליבט אין סאָניטשקען, אז ער האָט זי שוין מער ניט ארויסגעלאזט...

לכתחלה האָט די פילטעשקע געהאַלטן אין איין כליפּען: „א גוי, וויי איז מיינע צרות, א גוי...״ נאָר דערנאָך, ווען זי האָט פונם דאקטער באקומען א מנה יפה, האָט זי זיך געטרייסט און געטענהט: „באפּט זי דער גוטער יאָר, אבי ז׳האָט דאָס רענדל ניט געביטן... מיט יעקב אָבינום טאָכטער האָט אויך געטראפן אזא מעשה...״

און סאָניטשקע איז א שטיק צייט געלעגן באהאַלטן אין שטוב און זיך פאר דער גאָס ניט געוויזן, דער דאָקטאר האָט איר אָנגעזאגט זהיר וזהיר, אז זי זאל זיך ניט דערוועגן צו גיין אין ערגעץ. אודאי האָט די פילטעשקע זי גענומען טאָטשען: „א ווייטיק איז מיר, טאָכטער מיינע, וואס הייסט עפּעס אין ערגעץ ניט גיין, לעבעדיקערהייט צו באגראָבן, אזוי יונגערהייט״... האָט סאָניטשקע גענומען טאָטשען דעם דאָקטאר, ביזקל וואנען דער משך־גענער איז בייז געווארן, האָט געדונגען די שענסטע שטוב אין סאמע מיט פון דער שטעטל און סאָניטשקע פלעג א גאנצע טאָג שטייען באַם פענצטער און חוצפּהדיק קוקן אין גאס אריין און אלע פארנאכט פלעג זי גיין שפּאצירן מיטן דאָקטאר. זי איז פון טאג צו טאג שענער געווארן און געטראָגן האָט זי די שענסטע „נאריאדן״, די נגידתטעס פלעגן קראַפּירן קוקנדיק אף איר... נאָר מיט דער אלטער פילטעשקע האָט ער זיך אָפּגערעכנט, דער צעדריי־

טער דאָקטאָר: געלט האָט ער איר געגעבן, וויפיל זי האָט נאָר אַליין געוואלט, נאָר אריבערטרעטן די שוועל פון זיין שטוב, האָט ער זי ניט געלאזט... באטאָג פלעג זי זיך נאָך ארייגאנווענען צו דער טאָכטער, בשעת דער „איידעם" איז אין דער היים ניט געווען. פארנאכט אָבער, בשעת דער דאָקטאר האָט שפאצירט מיט סאָניטשקען, האָט זי זיך אים אף די אויגן ניט געטאָרט ווייזן... פלעגט זי ארומגיין אפן קעגנאיבערדיקן טראטואר און זיך קלאָגן פאר יעדן, וואס זי האָט אפן וועג געטראפן:

— געבראכט קינדער צו לייט, ווי איז מיינע יאר און וואס?.. אפילו קיין קוק טאר איך ניט טון... אלע מיינע שונאים זאלן זיין קבצנים...

III

די שוויגער פון דער שטאָט

כל זמן סאָניטשקע האָט נאָך געוואוינט מיטן דאָקטאר און דער דאקטאר האָט די אלטע פילטעשקע ניט געלאזט באטרעטן זיין שוועל, האָט צרות געהאָט די פילטעשקע און די שטאָט האָט זיך געלעבט במנוחה. אז ס'איז אָבער געקומען די צייט, ווען דער דאָקטאר האָט סאָניטשקען אויסגעפאטשט און ארויסגעווארפן אף דריי שפענדלעך, דעמאָלט איז שוין די פילטעשקע געווארן תקיף און די שטאָט האָט געהאָט סיפקע צרות.

פארוואס דער דאקטאר האָט געגעבן סאניטשקען דעם דרך — פרעגט איר? — ס'זיינען דאָ געווען פארשידענע חילוקי דעות. איייניקע האָבן גלאָט געענטפערט מיט א קלאָץ־קשיא: למאי האָט זי דער דאָקטאר גאר גענומען? אף כפרות האָט ער זי באדארפט?" אַנדערע ווידער האָבן די זאך פארענטפערט גאנץ פשוט: „ער איז משוגע אף זיינע הוצאות און זי אף אירע און אז די קאָסע טרעפט אָן אף א שטיין, איז אָדער זי שפרינגט אָפ, אדער זי ווערט צעבראָכן..." ס'האָט זיך אָבער אויך געפונען א דריטע קאטעגאָריע, וואס האָט דערציילט א גאנצע געשיכטע:

— סאַניטשקע האָט א קבצנישע השגה, האָט זי געטראַכט: אז איין דאָקטאר איז גוט, זיינען דאָך צוויי אוואדע גוט. האָט זי אָנגעהויבן צו האָבן עסקים אויך מיטן צווייטן דאָקטאר פון שפּיטאָל, איז דער ערשטער אָנגעקומען גראָד בשעת מעשה ווי דער שטייגער איז, און סאַניטשקען ארויסגעוואָרפן און מיט יענעם הויבט זיך ערשט אָן א מעשה...

ווער פון די דריי כתות איז געווען גערעכט, ווייסט מען נאָך עד היום ניט. אפשר וועט אליהו הנביא, וואס וועט אמאָל מירטשעם פארענטפערן אלע קשיות און מויבעיות, פארענטפערן אויך די. נאָר אז די גאנצע געשיכטע זאָל גאָר אויסגיין צו דער שטאָטס קאָפּ, דערויף האָט זיך שוין קיינער ניט געריכט. לכתחילה איז נאָך געווען א האַלבע צרה: די פילטעשקע האָט אָנגעהויבן ארומצולויפן צו אלע חשובע באַלעבאָטים און צום רב אפילו, און האָט איינגעליינגט די וועלט, אז די שטאָט זאָל זיך ארייגלייגן אין שלום ארייין. און אז די פילטעשקע לויפט — קאָן מען זיך פון איר ניט אפּטשעפּען, וואַרפט מען זי ארויס דורך איין טיר, קומט זי דורך אַ צווייטער און וואַרפט מען זי שוין ארויס פון דער צווייטער,קריכט זי דורכן פענצטער. „סיידן מ'דערהארגעט זי — האָט מען זיך געחכמהט — קומט זי ניט צוריק...” האָט מען דאָך געמאַכט פון איר חוכא וטלולא: „וואס הייסט די שטאָט זאָל זיך ארייגלייגן אין שלום ארייין צווישן א אידישער טאָכטער און א גוי?” איז זי שטיל געוואָרן, נאָר דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די רעכטע צרה.

ס'איז געווען אין שטאָט א יונגאטש, אן עזות מחוצף פּנים, וואס האָט די אידן אפּגעטון געבערענטע צרות. געווען איז דער דאָזיקער יונגאטש דווקא פון אַ באַלעבאַטישער משפּחה און דאָך אן אויסוואורף. זיך געחברט מיט אלע שיקסעס פון דער מאהאַלע און בסדר געסטראַשעט, אז ער וועט זיך שמדן, אויב מ'וועט אים קיין געלט ניט געבן, און מ'האָט געגעבן — געגעבן די פאמיליע, די שטאָט, א ברירה האָט מען געהאט... דערנאָך האָט ער זיך פארייניקט מיט אַ באנדע שקצים און אָנגעהויבן גאנוועגען בא אידן און גאנווענען גאָר צו להכעיסדיק: ער פלעג פּריטיקצונאכט אויפברעכן אויוונס, ארויסנעמען די קוגלען מיט די טשאָלענטן און פארשמירן צוריק די אויוונס גלייך ס'איז גארניט געווען. און טוען האָט מען אים גארנישט געקענט, אז קיינער האָט אים בא דער האנט ניט געכאַפּט. און אזוי געווען

א קלוגער בחור, א דורכגעטריבענער, אלע מאל אראפּגעבראכט א נייע ווערטל, א נייע חכמה און דער עולם פלעג זיי אויפכאפּן און נאָכזאָגן און זיך אזש באלעקן. איינמאל האָט ער אראפּגעבראכט א מין חכמה, וואס האָט געהייסן „זעקס מיט עסן". וואס ס'האָט געהייסן, האָט קיינער ניט געוואוסט, נאָר בא אלע צוויי ווערטער איז דאָס דריטע געווען „זעקס מיט עסן". מער פון אלע האָט די חכמה גענוצט טאקע דער יונגאטש אליין, וואס האָט געהייסן לייזער, האָט מען אים פאוואָלי א נאָמען געגעבן „לייזער זעקס" און מיט דעם דאזיקן נאָמען איז ער שוין פארבליבן ביזן טויט אריין...

האָט אָט דער דאָזיקער לייזער זעקס זיך פריער צוגעשאַרט צו סאָניטשקען און דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן טענהן צו דער אלטער:

— וואס טויג אייך די באלעבאטים מיטן שלום מיטן משוגענעם דאָקטאר, וואס לאָזט אייך אף דער שוועל ניט ארויף? מיט אזא פארשוין ווי סאָניטשקע, ווערט מען ניט פארלוירן, די בחורים לויפן דאָך איר נאָך ווי א הינט נאָך א צויג...

און לייזער זעקס האָט געפּועלט: אין מיטן שטאָט, פּונקט אנטקעגן פּנחס שוחט — דעם פרומסטן אידן פון דער שטאָט, וואס האָט כסדר גע־גלאנצט מיט די אויגן און רק גערעדט מיט גאָט — האָבן זיי פארליגט א הייזל. לייזער האָט געבראכט א פּאָר שיקסעס און מ'פלעגט נאכט אף נאכט רופן דעם ציגיינער אליאָשא דעם בלינדן, מיטן צימבל און אנמאכן קולות עד לב השמים. די שטאָט איז געגאנגען כּאָדראָם... דער ערשטער האָט אָנ־געמאכט א רעש טאקע פּנחס דער שוחט:

אזא נבלה, אזא חרפּה! פאר וואס טוט מען גאָרניט?..

באַם אָנהויב האָט מען זיך ניט געמאכט דערפון, לצים האָבן זיך נאָך געחכמיהט:

— גלאנצט מיט די אויגן... וואו נעמען מיר דאָס, וואס מיר וואלטן אים ניט געטרויעט? ער וועט נאָך אליין זיין דאָרט כהן און במקום לוי אויך..

דערנאָך האָט מען זיך אָבער געכאפּט, אז ס'איז ניט נאָר א חרפּה, נאָר טאקע א צרה אויך. מילא דאָס, וואס די בחורים גאנווענען זיך אריין אהין און ריכטן דאָרט אפּ חצות, איז נאָך געווען צום דערליידן, מ'האָט אָבער אָנגעהויבן דערציילן, אז מען האָט פארנאַרט באלעבאטישע מיידלעך

אהין... די בייז־רכילותדיקע צונג פון שטעטל האָט געהאַט ארבעט... דער־מאָלט האָט מען אָנגעהויבן ליארמען און טון אין דער זאַך. מ׳האַט זיך גע־פּראוווט מיט גוטן, פאַרגעלייגט לייזער זעקס מיט דער פילטעשקע א ממון קורח, אז זיי זאָלן זיך כאַטש ארויסציען מחוץ לעיר, וואו די „רויטע לאַמ־טערנס" געפינען זיך, ס׳האָט אבער ניט געהאָלפן. האָט מען אנגעהויבן מיט בייזן, אונטערגעקויפט פּאָליציע, קאָן א שטאָט אונטערקויפן א פּאָליציע קעגן קאָרט, ווי הייסט מען עס און גנב? און די אלע דריי זאַכן זיינען דאָרט געווען. אלע גנייוועס פון דער שטאָט זיינען דאָרט געווען און קאָרטן האָט מען אויך דאָרט ניט אויפגעהערט שפּילן... חושך האָט זיך געטון און גע־האָלפן האָט גאָרניט, מ׳איז שוין אפילו אין דער גובערניע אריין געלאָפן.

און די פילטעשקע האָט זיך געמאַכט כלא ידע, א בידנע שעפּעלע, גאָט די נשמה שולדיק, מ׳האָט אף איר און אף איר טאָכטער — האָט זי געזאָגט — א בלבול אויסגעטראַכט... און דער מאַן אירער איז ווי תמיד געגאַנגען אלע מאָנטיק און דאָנערשטיק איבער די הייזער און זי אליין איז געגאַנגען אלע פרייטיק צענויפנעמען ליכט, דרויב פון עופות, חלה און שטיקלעך פיש און געמאַכט דערביי א פרומען אנשטעל. א קבצנטע קען — האָט מען געזאָגט...

נאָר נוקם געווען האָט מען זיך אין איר דאָך סוף כל סוף. זעענדיק, אז מיט גוטן און מיט בייזן קאָן מען דאָ גאָרניט אויפטון, האָט מען ארויס־גענומען אן אנדער כלי זין צו איר: א חכמה. מ׳האָט זי א נאָמען געגעבן „די שוויגער פון דער שטאָט". געשמועסט האָט מען, אז ארויסגעכאַפּט זיך מיט דער דאָזיקער חכמה האָט טאַקע איר שותף לייזער זעקס אליין, אבער וועמען איז דאָס אנגעגאַנגען ווער ס׳האָט זיך מיט איר ארויסגעכאַפּט? „לאָז זיין — האָט מען געזאָגט — פון קאָזאַק, אבי צום לעבן" און וואו די פילטעשקע האָט זיך נאָר באַוויזן, האָט מען רק געשריגן: „שוויגער, שוויי־גער..." און אז די קליינע באָסע־קאָמאַנדע איז דערפון געוואוירע געוואָרן האָט מען שוין מער ניט באַדאַרפט. דאָס לעבן האָט מען איר פאַרמיאוסט. און מ׳האָט געפועלט, מ׳איז איר אזוי לאַנג נאָכגעלאָפן און נאָכגעשריגן ביז וואַנען זי האָט זיך ארויסגעצויגן, ניט מחוץ לעיר, וואו די „רויטע לאַמ־טערנס" זיינען, נאָר אונטער דעם באַד־געסל, אבער דער חילול השם איז

דאָך שוין ניט געווען אזוי גרויס. צרות און חרפּות האָבן איצט געהאַט נאָר די „כאַצדאַרגעס״, די „פיינע באַלעבאַטים״ האָבן פרייער אפּגעאָטעמט...

IV

אַ נייע צרה

ווען דער אַלטער פּילטעש איז געשטאָרבן, האָט מען אים אפילו נאָכגעזאָגט אַ שבח: „אַ כשרער איד געווען — האָט מען געזאָגט — ר׳האָט ניט געוואוסט פון זיין חיות, זי האָט דאָס כסדר געפּראָוועט די גאַנצע מלוכה, ער האָט אפילו ניט געוואוסט ווער ס׳האָט אים געשלייערט. ווען דער רבונו של עולם נעמט זי צו, וואָלט געווען אַ סאַך מער מצוה...״

און מ׳איז געווען גערעכט. ווען זי זאָל שוין געווען פאַרלייגן מיטן קאָפּ, וואָלט אפן שטעטל אַ ישועה געקומען. עפּעס האָט זי נאָר דער רוח אנגעשיקט צו אַלדי שווארצע יאָרן, אַז זי זאָל רק צונעמען די מנוחה באַם שטעטל... ס׳איז נאָך אפילו קיין שלושים ניט איבערגעגאַנגען נאָכן אַלטן פּילטעש און באַ פּילטעשקע איז שוין געווען אַ ניי בייז־וואונדער. לייזער זעקס איז געווען אין אָדעס און אראָפּגעבראַכט עפּעס אַ שווארצן פאַרשוין, אַ נעגער האָט ער אים גערופן. אליאָשאַ דער בלינדער ציגיינער מיטן צימבל, איז געווען אַ הונט מיט זיין שווארצקייט קעגן לייזערס פאַרשוין. אין שטעטל איז תיכף געוואָרן אַ חילוק ידעות: אייניקע האָבן געזאָגט, אַז ר׳איז שווארץ סתם ווי אַ שטיוול און אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז ר׳איז שווארץ טאַקע ווי אַ גוט אפּגעפּוצטער, לאַקירטער שטיוול. אנגעטון איז דער דאָ־זיקער פאַרשוין געווען כסדר אין אַ פראַק, אַ צילינדער, אַ ווייסן קאָלנער און מאַנשעטן, דאָס שווארצקייט פון אים אַליין און זיינע מלבושים און דאָס ווייסקייט פון זיין קאָלנער, מאַנשעטן און ציין האָבן פאַרבלענדעט די אויגן. אַז קינד און קייט איז אים נאָכגעלאָפן, ווען ער האָט זיך אויף דער גאַס גע־

וויזן, איז דאָך אפגערעדט. און ער איז ניט געווען קיין שעמעוודיקער, זיך דוקא אפגעשטעלט, געלאכט און געוויזן זיינע ווייסע ציין און גערעדט מיט יעדן, איבערהויפט מיט די מיידלעך. א מאָדנע לשון איז דאָס געווען. האלבע רוסישע ווערטער, צעהאקטע, צעהרגעטע און אפילו א אידיש וואָרט פלעג ער אויך אמאל ארייננוואָרפן. און דערנאָך האָט ער אנגעהויבן צו טאנצן אלע באנאכט טאקע בא דער פּילטעשקע אין הייזל. אליאָשקא האָט געשפּילט און ער האָט געטאנצט א מין טאנץ, וואָס ער האָט גערופן „טשעטשאָטקא", גע־שטאנען אף איין אָרט און געטופּעט מיט די פיס. און דער עולם איז געלאָפן אהין ווי טאקע נאָר אף א בייז־וואונדער. א בעזהאָלאָוויע איז געווען אף אלע, ווען דער שווארצער האָט געטאנצט...

צו זינגען און צו זאָגן האָט די שטאָט געהאט ביז וואנען מ'האָט דעם דאזיקן שווארצן ארויסגעפּריוואָזעט, ס'האָט אפגעקאָסט א מטמון מיט געלט און ערשט וואלט דאָס ניט געווען געלונגען, ווען ס'זאָל זיך ניט געווען טרעפן א מעשה: מ'האָט זיך איינמאל אזוי צושלאגן, בשעת דער שווארצער האָט געטאנצט, אז מ'האָט א שייגעץ געמוזט אפּפירן אין שפּיטאל און ער איז אפן וועג געשטאָרבן. דעמולט ערשט האָט פּאָליציע זיך דערשראָקן און נאָכדעם, וואָס זי האָט באקומען פון קהל א נייע „מאָנע־יאָפּע" האָט זי דעם שווארצן ארויסגעשיקט און דאָס שטעטל האָט פרייער אפגעאָטעמט. שמחות האָט מען געמאכט און גומל געבענטשט. מ'האָט דאָך שוין געהאט דערציילט, אז ס'ווערן פארפאלן קינדער אין דער געגנט...

V

די ירושה

ווידער זיינען געשטאנען רעדלעך ארום דער פּילטעשקעס הייזל און זיך צוגעהערט. ס'זיינען געגאנגען קולות פון דאָרט עד לב השמים, די גאס האָט דאָס געהוידעט...

— וואס איז שוין נייעס — האָט מען זיך געפרעגט — ווער ליאַרעמט דאָרט ווידער?

— כ'וואָלט געקאנט שווערן, אז עמיצער גייט דאָרט צו קינד — האָט זיך אפּגערופן א אידענע.

— נאַרישקייטן... ווער וועט דאָס דאָרט גייען צו־קינד? סיידן די אַלטע פּילטעשקע...

— און סאָניטשקע וואו איז?..

— אזוינע לייט האָבן ניט קיין קינדער און אז ס'טרעפט זיך שוין יאָ, איז באַטע־פּאָקרישקע...

מיט אמאָל האָט זיך באוויזן מלכה־בליומע די באָבע, אפילו א זייער אנשטענדיקע אידענע, אבער, אז מ'רופט צו א קימפּעטאָרין, פרעגט מען ניט ווער איז דער טאַטע...

האָט זי דער גאנצער עולם ארומגערינגלט:

— וואס איז דארט?

— גייט צו־קינד — האָט מלכה־בליומע געענטפערט סתם.

— ווער גייט צו־קינד?...

— איך — האָט זיך מלכה־בליומע צולאַכט...

— טאַקע סאָניטשקע? — האָבן אפשר צוואנציק מיילער מיט אמאָל געפרעגט.

און מ'האָט זיך אנגעהויבן טומלען פון אלע זייטן:

— אזא חצופה!

— שעמט זיך גאָרניט...

— הער נאָר אָן איינלייגן די וועלט...

— א שווער האָבן — האָט מלכה־בליומע געזאגט שטיל — נאָר כ'וואלט געקענט שווערן, אז דאָס קינד איז א שווארצס, אזוי ווי דער טענצער...

— א קדיש פונם שווארצן טענצער — האט מען געשריגן און געלאַכט.

און סאָניטשקע האָט פּאוואָלי דריי טעג דורכאנאנד געוועט ווי א חיה, די שכנים ארום האָבן גאנצע נעכט קיין אויג ניט געקאנט צומאכן. און כסדר זיינען געשטאַנען רעדלעך ארום און אלץ געטענהט:

— אבי מ׳זאגט „ערלעך איז שווערלעך״, טהאָסטו דיר שוין ניט ערלעך...

און די באבע מלכה־בליומע פלעג אלע מאל ארויסקומען און אלץ פאר־זיכערן שטילערהייד אז זי וואלט געקאנט שווערן אז דאס קינד איז א שווארצס.

אפן דריטן טאג איז סאָניטשקע ניט טויט, ניט לעבעדיק קוים מיט אמאל געליגן געווארן. ווען מלכה־בליומע איז ארויסגעקומען, איז מען איר באפאלן ווי היישעריקן. ס׳גאנצע שטעטל איז געשטאנען אונטער די פענצטער, און אויפריר איז געווען און אלע האָבן געפרעגט:

— נו?

— ס׳איז טאקע — האָט מלכה־בליומע געענטפערט פּאַוואָלי — ווי איך האָב געזאגט, א שווארצס.

— אינגאנצן א שווארצס?

אינגאנצן.

— טאקע ווי א קויל?

— נאָך ערגער...

און דער עולם האָט זיך א לאָז געטון צו דער טיר. האָט אָבער די פיל־טעשקע — פארהאקט די טיר אונטער דער נאָז און געזאגט, אז זי וועט קיינעם ניט ארײנלאָזן פאר כל הון דעלמא.

— גזלנטע — האָט מען געשריגן פון אלע זייטן— כאָטש איין קוק...

— ניטאָ וואס צו זען — האָט זי געענטפערט — א קינד ווי אלע.

— מ׳זאגט דאָך, אז ס׳איז שווארץ.

— שווארץ זאל זיין מיינע שונאים אונטער די אויגן...

דער עולם האָט זיך געשפּארט, געשפּארט און געזען, אז ס׳העלפט ניט, האָט ער זיך אָנגעהויבן צעגיין. ערשט, ווען די פילטעשקע האָט דערזען, אז ס׳איז שיטערער געווארן, האָט זי ארויסגעשטעקט דעם קאפּ און געזאגט:

— ווער ס׳וועט געבן פינף קאָפּיקעס, וועט ארײנגיין אָנקוקן דאָס קינד...

ערד־טרעטעניש איז געווארן. מ׳האָט געטראָגן פיטאקלעך פון אלע זייטן און מ׳איז געלאָפן. נאר דער אלטער רב איז ניט געגאנגען, זיך גע־

שעמט אפנים. אבער די גלחים להבדיל זיינען יאָ געקומען און אלע זיינען געשטאנען און געקוקט אף דעם שווארצן עופהלע מיט די ווייסע פינטעלעך באַ די האלב־פארמאכטע אויגעלעך. די פאָר הערלעך, וואס ס׳האָט געהאט אפן קעפל, האָבן זיך שוין געקרייזלט... מ׳האָט דאָס נעבעך אויפגערעקט און געשלעפט פון אלע זייטן.

— וואס האָט מען דערצו — האָט זיך געהיצט יענקל דעם שוחטס, א בחור א משכיל — וואס איז דאָס נעבעך שולדיק, וואס ס׳האָט די וועלט דערזען ניט אונטער דער אפריקאנער זון, נאָר אונטער דער בעסאראבישער?

און גייענדיק צוריק פון דער בעזהאָלאָוויע, האָט מען ניט אויפגעהערט רעדן און טענהן וועגן דעם שווארצן עופהלע. פייוול דער מלמד — א האל־בער משכיל — האָט געקנייטשט מיטן שטערן:

— ערגער פון חיות זיינען מיר. א שטאָרך, אז ז׳זיצט אויס א גענזאלע צערייסט מען זי, און באַ מענטשן גאָרניט...

ס׳א משל נו — האָט זיך געהיצט יענקל דעם שוחטס — א שווארצער מענטש לגבי א ווייסן איז דאָך ניט קיין גאנז לגבי א שטאָרך...

ס׳איז שיער ניט געווען א נייע צרה, אף צולהכעים איז דאָס געווען אַ אינגל און די פילטעשקע האָט געשריגן, אז זי וועט דאָס צו די אכט טעג מאָלע זיין, דער מוהל האָט געזאגט, אז ר׳וועט ניט מל זיין און דער רב האָט זיך געבראכן דעם קאָפּ און געוואלט אויסגעפינען דעם דין... אין שטעטל האָט מען געהאט אן ארבעט זיך צו חכמענען און אלע מאָל מכבד זיין־אַן אַנדערן מיט מציצה... דערוויל האָט זיך מישב געווען דאס שוואר־צע עופהלע און אויסגעלייזט דעם מוהל פון שרעק און דעם רב פון קאָפּ־דרייעניש — ס׳האָט פארמאכט די אייגעלעך אין דער נאכט פונם קריאת־שמע לייענען... ס׳האָט געהאט א לוויה — גרויסע וואלטן זיך געוואונטשן... אפילו די פריילנס ציקים, דעם גרעסטן נגידס טעכטער, זיינען געקומען צו דער לוויה. און איינע פון זיי, די עלטערע, אף וועלכער מ׳האָט דער־ציילט כלערליי געשיכטעס און וועלכע פלעג קוקן מיט זשעדנע אויגן אף דעם שווארצן טענצער, האָט זיך ניט געקענט איינהאלטן און געזאגט צו דער שוועסטער:

— ס׳איז גוט צו זיין א קבצן! א קבצן מעג אלצדינג...

— די באָבע, די אַלטע פּילטעשקע, דערזעענדיק, אַז ס׳גייט צו דער „לויה” אַ גרויסער עולם, האָט געכאַפּט די פּישקע און אָנגעהויבן שרייען:

— צדקה תציל ממות.

— אַ שיינע פּאָר גראָשן געמאַכט — האָט זיך עפּעס עמיצער אָפּגערופן!

— ז׳האָט צום שווארצן טענצער — האָט עמיצער געענטפערט — ניט דערלייגט פריער און אַ ירושה האָט ער אויך ניט פאַרגעסן צו לאָזן... פאַרן אָנקוקן געמאַכט אַן אַפּויטיקע און צו דער לויה אויך ניט צוגעטראָגן...

Buenos

נאָט זיצט אויבן

ר׳ אשר חזקאלס, דער אידישער פּאָסעסאָר איז געווען א קליין אידל, אַ רויטס מיט א ביסטרע קאָסאָקע קוק און מיט א בראַדיווקע אף דער רויט צעפּוילטער נאָז. ס׳איז געווען גענוג איין בליק צו טון אף אים, אז מ׳זאל דערקענען, אז ער איז קאַרג ווי אַ הונט און בייז ווי א שוויגער. און אזוי איז ער טאקע געווען. טויזנטער בהמות האָבן זיך אומגעדרייט אף זיין פּאָסעסיע. פון ארויספּירן האָט מען נאָך אין יענע צייטן ניט געוואוסט, שטעלט זשע אייך פאָר וויפיל סמעטענע, קעז און פוטער ס׳איז בא אים אין הויף געווען. אין דער מילעך האָט מען זיך ממש געבאָדן און אין דער סמעטענע פלעגן לאָשיקלעך דערטרונקען ווערן. מיט דער פוטער האָט מען די רעדער פון די וועגן און מילן געשמירט. פונדעסטוועגן, אז ר׳ אשר פלעג זען ווי אזוי א משרת עסט סמעטענע, פלעג ער א בייזן פאָנפע טון מיט דער בראָדיקעוואטע־צעפּוילטער נאָז:

— פע! א משרת עסט גאר סמעטענע? ווער־זשע וועט עסן די סיראָוויטקע? עך?

ערלעך קאנען שוין משרתים בא אזא באַלעבאָס ניט זיין. זיי מוזן גאנוועןען. אביסל ווילט זיך טון אף צו להכעיס אזא „קראָטש" (קארגן) און אביסל פעלט טאקע אף פרנסה. און בא גאנווענען איז דער ערשטער ביסן אן עקבויר. לכתחילה גאנוועט מען נאָר דאָס וואס מ׳דארף און דערנאָך ווערט שוין די „מלאכה" אליין א תענוג.

איז טאקע אשרס פּאָסעסיע געווען א פאבריק פון גנבים. ווער ס׳האָט דאָרט אָנגעהויבן, האָט געמוזט ענדיקן אין קרימינאַל. א סאך וואוילע אידישע קינדער האָט דער דאָזיקער „קראָטש" אומגליקלעך געמאכט, ניט איין טאַטע־מאַמע און ניט איין יונג ווייבל האָט אף זיין קאָפּ געוויינט.

גלאט איז אים ניט אפּגעגאנגען. ס׳זיינען נאָך דעמאָלט געווען אנדערע

ציימן. ס'איז נאָך געווען עמיצער, וואס האָט פארנעמען טרערן פון אומ־גליקלעכע עלטערן און פארלאָזטע ווייבלעך. און ס'האָט זיך אף אונזער פּאַסעסאָר אף דער עלטער אַ שיט געטון צרות, באַ אים בלייב עס, ווי אר־בעס פון אַ טארבע.

קודם כל איז אים דער טאַטע עובר בטל געוואָרן. אַ מאָדנע עובר בטלקייט איז עס געווען. ער פלעג ארומגיין מיט די דלאָניעס אריינגע־שטעקט אין די ארבל אריין און דערציילן גוזמאות. ער האָט געקענט דער־ציילן, אַז אף דער חתונה פון זיין ערשטער טאָכטער איז אוועקגעגאנגען זיבן פוד פעפער נאָר צו די פיש. חברהלייט פלעגן אים שוין ארומרינגלען און קאטשענדיק זיך פאר געלעכטער „אונטערציען":

— און אייער אשר, ווי אזוי איז געווען אינגלווייז, ר' חזקאל?

— מיין אשר? — פלעג דער אלטער זיך באלעקן — אַ טייערער תוך געווען... צו דרייצן יאר האָט מיר אַ שיקסע אריינגעבראכט אַ פירטלינג פון אים...

— אַ פירטלינג, ר' חזקאל? אפשר אַ צווילינג?

— אַ פירטלינג, זאלן מיר אזוי אלע לעבן...

— און אַ פארמעגן האָט איר עפּעס געהאַט אַ גרויס, ר' חזקאל?

— אַ פארמעגן? בהמות... ווי לאנג קרענקט קורח, צי ער האָט געהאַט אזוינע מאַיאָנטקעס. אף מיינע פּאַסעסיעס זיינען קינדער פארבלאָנדזעט געוואָרן און פארפאלן לעולם ועד...

— אַ גוראליניע האָט איר דאכט זיך אויך געהאַט?

— מיט דער גוראליני האָט מיר אן אומגליק געטראָפן...

— אן אומגליק, ר' חזקאל?

— אַ גרויסער אומגליק! כ'האָב געהאַט אַ משרת, אברהמל געהייסן, אַ וואוילער בחור. טראָגט אַמאָל ארוים דער דאָזיקער אברהמל די איבערגע־ברענטע זערנעס אין הויף אריין און צעשיט זיי. זיינען געווען פייגעלעך אין הויף און תיכף „פיק, פיק"... זיך צוגעכאַפּט צו די זערנעס און אוים־געפיקט ביז איינער. די זערנעס זיינען דאָך, אָבער געווען בראַנפנדיק, זיינען די פויגעלעך אנידערגעפאלן אין הויף טויט שיכור. האָט ער גענומען, דער דאָזיקער אברהמל די פייגעלעך, זיי אויפגעציליעט אף אַ שטריקל, זיך גע־

מאכט א גארטל פון זיי און זיך ארומגערינגלט מיט דעם. פארנאכט, איך זוך אברהמלען... ווער, וואס, ווען, ניטאָ... וואס איז די מעשה? די פייגעלעך האָבן זיך אויסגעניכטערט זיינען זיי אוועקגעפלויגן מיט אברהמלען... א גאנצע טאג און א גאנצע נאכט אים וואו די וועלט האָט אַן עק אויסגעזוכט און עד היום ניטאָ...

דער אלטער חזקאל פלעג זיך ווישן די אויגן בשעת מעשה, באוויינען דעם פארפאלענעם אברהמלען און דער עולם פלעג זיך קאטשען פאר געלעכטער... און אשרן פלעג די גאַל פּלאַצן פאר בושה. נאר גיי טו עפּעס... ס'איז דאָך טאַטע, גיי זיי אים פּוגע בכבוד, זיי עובר אף כיבוד אב און קריך גלייך אין גהינום אריין...

נאר דאָס, וואס ער איז אויסגעשטאנען פונם טאטן איז געווען בקליפּת השום קעגן דעם, וואס ער איז אויסגעשטאַנען פון זיין בן זקונימדל, וואס האָט געהייסן פרוים־משה. דריי מאל אזוי גרוים ווי דער טאטע איז דער דאָזיקער פרוים־משה געווען, און דער פאָטער האָט פאר אים געציטערט אימת מות... א תם געווען און א ווילדער תם דערצו. האָט מען אים א וואָרט געזאָגט, איז חיות געווען ניט זיכער. יעדן פלעג ער קאטעווען, אפילו דעם טאַטן. זי, די פּאָסעסערשע איז באלד געגאנגען אַ גאנג. אַ מאמע נעבעך, אזוי לאַנג פארדעקט דעם מאנס חסרונות און דעם קינדס בזיונות ביז דאָס הארץ האָט אין איר געפּלאַצט. און ער, דער פּאָסעסאָר אליין, א הארט אידל, א פארביסענס, אַן אַנדערער אף זיין פּלאַץ, וואלט צו גרונד געגאנגען און ער האָט אלע צרות איבערגעגריזעט ווי א מויז א שטריק...

אָבער — מקנא זיין אים איז ניטאָ מיט וואס! א גדלן געווען, מיט אלע קינדער געטון מיוחסדיקע שידוכים, פון מרחקים געבראכט כלות פאר אלע זין, האָט ער פאר פרוים־משהן אויך געוואלט דאָס אייגענע. אוואדע איז עס אים ניט געראָטן. משוגעת קען מען ניט באהאלטן, עס שפּרינגט ארוים, ווי א רוח פונם וואלד. אפשר דריי חדשים האָט מען געקנעלט מיט פרוים־משהן, ווי אזוי ער זאל זיצן באַ די תנאים און אז ס'איז געקומען צום רעכטן עיקר, האָט ער זיך ספּיטיקעט ווי א סאפּאטע פערדל... קודם האָט ער א זאג געטון:

— דער זיידע בראָקט שוין ליגנס...

דער מחותן האָט עס תיכף באמערקט, נאָר ר'האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק, נאָר אז ס'איז געקומען צום לחיים טרינקען, האָט ער אפּגעאַרבעט אזאַ שפּיצל, אז מ'האָט עס ניט געקאָנט פאַרשווייגן. — ס'איז אפן טיש געשטאַנען א פלאַש מיט א הענטל. אוואדע איז דעם תמעוואטן פרוים־משה אויסגעקומען דורכצושטופּן די האַנט דורכן הענטל פון דער פלאַש אף צו טרינקען לחיים מיטן מחותן... די האַנט האָט מען אים מיט שווערער מי ארויסגעשלעפּט, שיעור די פלאַש ניט געמוזט צעברעכן און דער מחותן איז תיכף אוועקגעפאָרן און אף מאָרגן אפּגעשיקט די תנאים.

און אזוי האָט זיך אשר ווייטער געהאַלטן מיטן תכשיט. וואָס ער האָט ניט איבערגעטון, באַם רבין, באַ דאָקטוירים להבדיל, באַ ציגיינערס, טאַ־טערן, „וואַראַזשביטן", ס'האָט אוואדע געהאָלפן... נאָר דער רבש"ע האָט א טראַכט געטון, אז א משוגענער איז טאַקע א קללה אין דער תוכחה, אָבער אז איין משוגענער איז גוט, זיינען דאָך צוויי אוואדע גוט, האָט ער אים באַשערט א צווייטן...

שדכנים האָבן דאָך נעז, האָבן זיי דערשמעקט באַ א קעשענעווער נגיד א צעדרייטע „טאָכטער" און צונויפגעפּירט א שידוך. ביידע זיינען אפילו געווען נגידים און באַ א נגיד איז דאָך אַלעס כּאָטשע פּאַקרישקע, אָבער די גאָס האָט שאַרפע אויגן, וואָס זעען אין דער פינסטער בעסער ווי באַנאַכט א סאָווע... ס'האָבן זיך שוין געפונען אזוינע, וואָס האָבן אויס־געגעבן אף א מאָרקע און מודיע געווען צו דעם מחותן אז דער צד שכנגד איז אזוי און אזוי. יעדער האָט דאָך אָבער געקענט זיין סחורה, האָבן ביידע געשוויגן...

ס'איז געווען דאָס אמתע פּאָרל. וואָס קלערט איר? גאָט זיצט אויבן און שדכנים פאָרן אונטן. דאָס פּאָרל האָט זיך פאַר דער חופּה געשפּילט אין וועוויריקלעך, די כלה האָט געוויינט, דער חתן האָט זי געוואָלט שלאָגן, נאָר ביידע צדדים האָבן פאַרזשמורעט אַן אויג און זיך געמאַכט כלא ידע...

און נאָך דער חופּה זיינען ביידע מחותנים געווען אגיל ואשמח. א קאָמעדיע איז געווען, פון איין זייט האָט ר' אשר זיך ארומשפּאַצירט איבערן חדר מיט די הענט אף אונטן און דאָס פּנים האָט אים געשיינט. די רויטע באָרדיווקע אף דער נאָז האָט געגלאַנצט און געלאַכט, מ'האָט געזען בפּועל

ממש, אז ער לאכט זיך אוים פון זיין מחותן, ר'האט טאקע שטיל אונטער־געברומט:

— נו, האָב איך אים אריינגעהאקט א שטיקל סחורה, נו, וועט ער זיך האלטן...

און אין דער אייגענער צייט האָט זיך איבערן צווייטן עק פונעם צימער אומגעדרייט דער צווייטער מחותן אויך מיט די הענט אף אונטן, פונקט אזוי אויפגעלייגט און האָט זיך אויך אונטערגעברומט:

— נו, א הארב אראָפּגעפּאטערט... וועט ער זיך עס קראצן...

ר׳ לייבעלע בעסאראבער

א נידריק אידל, א געפאקטס, מיט רויטע בעקלעך, קעצענע אויגע־לעך, אונטערגעשווירענע וואנציעס און א קליין בערדל, וואס האט בא אכציק יאר ניט געוואלט גרוי ווערן. ס׳איז אלץ געווען רויט.

א מאדנע הנאה פלעג ער האבן, ווען מ׳האט אים גערופן: ר׳ לייבאלע בעסאראבער. מיט א ווילדן שטאלץ פלעג ער זיך דערביי א זאג טון: „עפעס בין איך דאך ניט קיין פוילישער". די ליפן פלעגן בשעת מעשה נאריש שמייכלען פון אונטער די אפגעשווירענע וואנציעס און די אויגעלעך זיינען ארומגעלאפן ווי מייזלעך.

„א פוילישער" האט בא אים געהייסן יעדער, וואס איז ניט געווען קיין בעסאראבער, און פיינט געהאט האט ער די דאזיקע „פוילישע" תכלית שנאה.

זיין גרעסט פארגעניגן איז געווען — עסן פרוכטן און ארייננווארפן מאלדאוואנישע ווערטער אין שמועס. אן אונזעריקער האט געהייסן „ד׳אי נאשטרי" און האט עמיצער געזאגט גוטער ברודער, ניט „פריעטען", פלעג ער באלד א ווארטשע טון:

„גיי, ביזט א פוילישער"!

דערציילן וועגן די פירות פון די „קאדרעס", וואו ער איז געבוירן געווארן, האט ער גרויס הנאה געהאט. דריי מאל אין דער וואך פלעג ער אויפבונדן דעם אלטן רויטן גארטל, מיט וועלכן ער האט שוין זעבציק יאר פון פינף ביז זעקס מאל ארומגענומען זיין בויך און אזא נאש טון, אז ער האט תיכף געמוזט אליין לויפן אין אפטייק אריין און נעמען א „ווינער גע־טרענקל".

פון וואס ער האט געלעבט, האט קיינער ניט געוואוסט. פריער האט ער געגעסן קעסט, דערנאך — גלאט אזוי און גאר דערנאך האט ער חתונה

געמאכט די דריי שיינע, געזונטע טעכטער, וואס ער האָט געהאַט און באַ זיי געוואוינט. עסן האָבן אים די איידעמס געגעבן און אַף פּירות, אַביסל ווייַן און אַ ווינער געטרענקל פלעג ער נעמען פונעם „ארץ ישראל געלט", וואס ער האָט אַלע ערב שבת צונויפגענומען...

ריידן האָט ער פיינט געהאַט. און האָט מען צו אים גערעדט און גע־וואָלט באַ אים עפּעס געוואוירע ווערן, פלעג ער האָבן איין ענטפער:

„טשאַדע ניט אין קאָפּ אריין"!

פון נאָך ראש השנה אָן, פלעג ער אַלע שבת באַטאָג זיך לייגן אַפן אויוון און פאַרטשאַדעט ווערן. און ווען מ'האָט אויפמונטערנדיק אים פאַר־נאַכט צו שלוש סעודות, אַ פרעג געטון:

— ר' לייבאַלע, וואס האָט איר געטון?

פלעג אויך דעמאָלט זיין דער תירוץ:

„טשאַדע ניט אין קאָפּ אריין!"

טרויעריק איז ער קיינמאָל ניט געווען, פּונקט ווי ער איז קיינמאָל פריילעך ניט געווען. איינמאָל נאָר האָט ער געוויינט. און דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל ער האָט זיך פריער צופיל געפרייט.

ס'איז געווען אין אַ תשעה באב. יונגוואַרג האָט זיך געטשעפּעט צו אים. באַוואָרפן מיט בערלעך און ער האָט אַלץ געוואָרטשעט: „פּוילישע... פּוילישע"...

פּלוצים האָט אַ בחור אַרויסגעשלעפּט אַ פּאַנטאָפל פון אונטער זיינע פיס און אים אַ וואָרף געטון. ר' לייבאַלעס אָפּגעשווירענע וואַנצעס האָבן אַ צופרידענעם שמייכל געטון, די פּוקעס הענטלעך האָבן אַ כאַפּ געטון פון דער קעשענע אַ מעסערל און אויפגעטרענט די גאַנצע פּאַדעשווע.

דער עולם האָט געקריגן קוראַזש, אַרויסגעשלעפּט דעם צווייטן פּאַנטאָפל און אויך דערלאַנגט. ר' לייבאַלע האָט זיך ניט געפּוילט און אויך דעם צווייטן פּאַנטאָפל געמאַכט די זאַך. שפּעטער, ווען ער איז געוואוירע געוואָרן, אַז ער האָט צעטרענט זיינע אייגענע פּאַנטאָפל, האָט ער דעם „חורבן פּאַפּע־ציעס" אַ סאַך שטאַרקער באַוויינט ווי חורבן בית־המקדש.

ווען זיין ווייב איז געשטאָרבן, האָט ער ניט געוויינט. ער איז אפילו טרויעריק ניט געווען. ער האָט נאָר מורא געהאַט.

און פון דעמאלט אָן האָט מען דאס וואָרט „געשטאָרבן" ניט גע־טארט דערמאָנען. און האָט מען געוואלט זאגן וועגן עמיצן, אז ער איז געשטארבן, האָט מען געמוזט זאגן: „ער איז אוועקגעפארן קיין אמעריקע", און האָט עמיצער ניט געוואוסט און זיך ארויסגעכאפּט מיטן ווארט גע־שטארבן, פלעג ער א ציטער טון און ארויסלאזן אזא „בררר..."‚ אז די ווענט האָבן געהילכט.

און ווען ר' לייבאלע איז געשטארבן, האָט כמעט קיינער ניט געוויינט. די אייניקלעך האָבן א קלער געטון: „דער זיידע איז אוועקגעפארן קיין אמעריקע" און זיך שווער באהערשט ניט קיין שמייכל צו טון און צו זאגן דערביי: „טשאדע ניט אין קאפּ אריין"...

משה צאַראָן

אז משה איציק קרייטשמארס איז „געבוירן געווארן מיט א רייף״, האָבן אלע געוואוסט, די שקצים פון דער קאָלראַשער ראַגאטקע 1), וואו איציק האָט די קרייטשמע געהאלטן, פלעגן זיך שווערן, אז זיי האָבן אליין געזען ווי משה ברעכט אייזן מיט די הענט. ביינער געבראכענע האָבן די זעלביקע שקצים א סאך מאָל געקריגן פון משהן. — ר׳האָט אין וועמען גע־ראטן צו זיין — פלעגן די שכנים זאגן. דער טאַטע זיינער איז אויך ניט געווען קיין קטלא קניא און קיין זיבאלע. מיט איין האנט האָט ער געקענט דריי מאָלדאוואנעס ארויסווארפן. ער איז טאקע אומגעקומען פון א געשלעג. ס׳איז דאָך אַן אלטער כלל, אז אלע גוטע שווימער שטארבן פון וואסער און אלע גרויסע שלעגער — פון אונטערשלאגענע זייטן.

אז משה וואקסט א גיבור, האָט מען נאָך געזען קינדווייז; בשעת ער איז נאָך אלט געווען צען יאר און געהייסן משהלע, האָט ער שוין געהאַט אריבער צוויי מיט א האלבן ארשין אין דער הויך. אין דער ברייט האָט ער זיך ניט געלאזט מעסטן — פאר א „גוט־אויג״ מורא געהאַט. די מוטער האָט אים טאקע א רויט בענדאלע צום לאצקן צוגעבונדן.

אויסלערנען עפּעס האָט ער ניט געקענט, כאָטש שריי חי וקים, כאָטש ער האָט שטארק געוואלט. די אינגלעך אין חדר פלעגן פון אים לאכן און זאגן: „א גרויס פּאָס וויין איז אים גרינגער אויפצוהייבן, ווי איין בלעטל פון סידור״. ווען ער איז אלט געווען א יאָר צוועלף, האָט בא זיי אין קרייטשמע גענעכטיקט א רבי, עפּעס א פּויליש אידל מיט א קנאכיק פּנים און אויסגעקראכן בערדל, וואס איז געגאנגען צו פוס, מיט א פּעקל אף די פּלייצעס, זוכן א קנעלונג ערגעץ אין אַ שטעטל.

---

1) א פארשטעטל אין קעשענעוו.

דער פאָטער האָט דעם דאָזיקן רבין געבעטן ער זאָל אים „פאַרהערן דאָס קינד“, און ווען דאָס אידל האָט מסכים געווען, האָט איציק א געשריי געטון:

— משהלע, קום אהער!

ווען דער לאָפּאק איז אראָפּ פונם אויוון און דער רבי האָט דערזען דאס משהלע, האָבן בא אים די ציין אין מויל אָנגעהויבן קלינגען. לציים האָבן דערציילט, אז ר׳האָט אָנגעהויבן קריאת שמע ליינען. און ווען ר׳האָט זיך בארואיקט, האָט ער א פרעג געטון:

— וואס זשע קענסטו, משהלע?

— דעם גאנצן אלף בית אהין און צורריק...

— א נו זאָג!

משהלע האָט אָנגעהויבן קייען פּאַוואָליע און שוּוער די אותיות: „אלף, בית, גימל...“ און ווען ר׳איז צוגעקומען צו דער „ריש“, האָט ער אזא „ררר“ ארויסגעלאָזט, אז דער באלקן פון דער סטעליע האָט זיך אָנגעהויבן שאָקלען ווי פון א דונער.

— און צוריק — האָט דער רבי געפרעגט?

משהלע האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיט די פּלייצעס און ווידער אָנגעהויבן קייען פּאַוואָלי און שוּוער די אותיות: „אלף, בית, גימל“...

וועגן דעם ווי אזוי משהלע האָט געגעבן דעם ערשטן פּאַטש א גוי, האָט מען אויך דערציילט א מעשה. ער איז שוין דעמאָלט אלט געווען זי־בעצן יאר, ער פלעגט שוין אליין פארן אין די קאָדרעס2) אריין קויפן וויין. אויסגעזען האָט ער שוין ווי פון דרייסיק יאר. דאס פּנים איז בא אים געווען גראָב און רויט־בלוט האָט פון דעם געשפּריצט און גלאָט איז עס געווען, גלייך ס׳האָט גאר קיין בּיינער ניט געהאט. א קאַלטענוואַטע בארד, וואס האָט געהאט דעם קאָליר פון טאַביקע איז אים ביז אונטער די אויגן געקראַ־כן. און א פּלייצע האָט ער געהאט איז זי געווען גרויס — האָבן חברה־לייט געזאָגט — ווי א קליין בערגל אפן אָריוועער וועג. און דער פּאָטער איז שוין

2) א געגנט אין צפון־בעסאראביע, וואו ס׳זיינען פאראן א סאך פּרוכטן און וויינען.

דעמאלט געווען שוואך, געהוסט, א ציגיינער האָט אים אונטערגעשלאָגן די זייטן. האָט איינמאל געשכורט אין שענק געארגע באָלאָוואָן. א באַרימטער שלעגער פון דער ראָגאַטקע. פלוצים האָט זיך דער דאָזיקער געאָרגע אויפֿגעהויבן און זיך געלאָזט אוועקגיין ניט באַצאָלנדיק. איציק האָט א טרויעריקער אים נאָכגעקוקט און בלייך ווערנדיק קוים א ברום געטון:

— געאָרגע, פּאראלע 3).

געאָרגע האָט זיך עטוואס אומגעקוקט און זיך געלאָזט ווייטער גיין. משהלע, דערזענדיק ווי דער פאָטער איז בלייך געווארן, האָט אף גיך געמאַכט א האלבן קרייז. איז תּיכּף אויסגעקומען פּנים אל פּנים מיט געאָרגן און אים ארייננגעווארפן „ס'בינטל פינגער" אין פּרצוף אריין, אז יענער איז אומגעפאלן און האָט זיך באַגאָסן מיט דער „רויטער יויך". אפשר פינף מינוט האָט געדויערט ביז געאָרגע איז צו זיך געקומען און זיך אויפֿגעהויבן. ס'ערשטע האָט ער געפרעגט:

— ווער האָט מיר דעם פּאָטש דערלאַנגט?

— איך! — האָט משהלע דרייסט געענטפערט.

די שכורים פונעם שענק האָבן געמיינט, אז געאָרגע וועט משהלען דורס זיין, און צערייצטע האָבן זיי שוין געוואַרט אף א שטאַרקער סצענע. צום סוף האָט גאר געאָרגע פריילעך אויסגעשטרעקט די האנט צו משהלען און א זאָג געטון:

— בראוואָ! אין וויאַצאַ מע נ'אם פּרימיט אַשאַ א פּאלמא 4).

געאָרגע האָט באלד באַצאָלט פאר אלץ, וואס ער האָט אויסגעטרונקען און דערנאָך געשכורט א גאנצע נאכט מיט משהלען, זיך געקויכט אין אים ווי אן אבן טוב און קיינעם ניט געלאָזט צאָלן א גראָשן, אליין אלעם געצאָלט. דעמאלט טאקע איז משהלע געקרוינט געווארן פאר א גרויסן שלעגער אין דער גאנצער ראָגאַטקע, און געאָרגע האָט מודיע געווען, אז ווער ס'וועט אים זאַטשעפּען, וועט מיט אים, מיט געאָרגן, האָבן צו טון...

3) געאָרגע, געלט.

4) אין מיין לעבן האָב איך נאָך ניט געכאַפּט אזא פּאַטש.

מיטן נאָמען צאַראָן5) האָט מען משהלען געקרוינט נאָך אין חדר. געווען דארט א זרח דעם שוחטס, א קליין, אויסגעטרוקנט אינגל מיט א לאנג העלדזל ווי א גארגל פון א געקוילעטער גאנז און מיט א שארף צינגל. און דאָס דאָזיקע זרחל האָט איינמאָל א זאָג געטון „משה צאַראָן" און דער דאָזיקער צונאָמען האָט זיך צו אים אזוי צוגעקלעפּט, אז אפילו די קלעפּ פון משהס שווערע לאפּעס, האָבן אים ניט געקענט אפּקלעפּן. און אזוי איז ער שוין פארבליבן ביזן טויט אריין מיטן נאָמען צאַראָן. ווען ער איז שוין געווען אַ איד, געהאַט קינדער, וואָס זיינען אין חדר געגאַנגען, פלעגן די דאָזיקע ניט איינמאָל א היים קומען מיט רויטע אויגן, קוים דעם אָטעם כאַפּנדיק:

— טאַטע, מ'רופט מיך צאַראָן...

און ווען ער פלעג שטייען אין בית המדרש אָן א זייט, סטארטשען מיט די גרויסע צוויי אויגן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי קולעקעס אין סידור אריין, אז די ברעמען האָבן זיך אזש געשאָקלט, פלעג ער פילן ווי מ'שושקעט זיך אונטער אים, מ'מעסט אים די פּלייצעס און דאָס וואָרט „צאַראָן" פלעג ער קלאָר הערן. ער פלעג זיך דאָך ניט אויסדרייען, ער האָט מורא געהאַט דאָס „בלוט זאָל אים ניט קומען אין קאָפּ אריין"... פון זיינעם א קלאַפּ איז מען שווער לעבן געבליבן און ער האָט זיך געשוואוירן, אז אידן זאָל ער ניט שלאָגן.

נאָר איין זרחלען האָט ער ניט געקאָנט מוחל זיין. אז ער פלעג אים דערפילן, פלעג ער ארויסשלעפּן די צוויי גרויסע אויגן פון אונטער די געדיכטע און צונויפגעוואקסענע ברעמען און אים אזא קוק שענקען, אז זרחלען פלעגן אנטפאלן ווערן דער מאמעס מילך און הויבנדיק גיך, גיך די דינע חסידישע פיסלעך, פלעג ער אונטערוואַרטשען: „אזא צאַראָן" א פּאָר קוקערס, ווי צוויי קולעקעס"... זרחל האָט זיך טאקע פאר מורא ארויסגעצויגן פון דער ראָגאַטקע.

בא צוויי זאכן איז געווען א מורא צו קוקן אף משה צאַראָן: באַם עסן

---

5) „צערא̄ן" הייסט אף מאָלדאַוואַניש, פּויער. בעסאַראַבער אידן זאָגן צאַראָן.

און באם שוויצן אין באָד. באם עסן פלעג ער אויסטון דאס רעקל, דאס זועסטל, אויפבינדן דעם גארטל פון די הויזן און אויפשפיליען אלע קנעפּלעך העט ביז נאכן ראָספּער און צוכראַסטן דאס העמד אזוי, אז די „בארשט" פון דער ברוסט האָט זיך ארויסגעזען. און עסן פלעג ער... מיט די פינגער פלעג ער צערייסן א גרויס ברויט און רוקן גאנצע שטיקער אין מויל אריין, גלייך אין אן אויוון אריין... דאס פלייש פלעג ער נעמען אין דער האנט אריין, ווי א חיה אין דער לאַפּע און רייסן דערפון מיט די ציין. דער שוויים האָט זיך געגאסן פון אים, ארויפגעקאפּעט אפן פלייש און ער האָט אלץ געריסן... קוקנדיק אף אים ווי ער עסט, האָט זיך אויסגעוויזן אז ס'איז א חיה, וואס האָט זיך צום ערשטן מאל אויפגעהויבן אף די אונטערשטע צוויי... ס'ערנסטקייט פון זיין פּנים האָט דאַן א מורא געוואָרפן... און דאס אייגענע איז געווען באם שוויצן. ער פלעג אנמאכן אזא היץ, אז קיינער האָט ניט געקאנט איינשטייען און ארויפקריכן זיך העט אויבן, פלעג ער זיך נעמען שמייסן מיט א בעזעמל, סאָפּען ווי אן אָקס און קוויקן זיך הויך אף א קול, ארויסלאָזנדיק א תרועהדיקן — הא הא הא...

חברה פלעג זיך אונטן חכמהן, שושקען זיך. א פרעג טון: „וועמער טרייבט עס אן אָקסן אפן באַרג?" אמאל פלעג זיך איינער דערוועגן א זאג טון:

— ר' משה, ס'איז דאָך דאָ שוין הייסער ווי אין גהינום!..

משה פלעג זיך מאכן ניט הערנדיק און וויטער זיך קוויקן. ארויסלאָזן א תרועהדיקן „הא, הא, הא"... און אויסשרייען דערביי:

— פּאַדאַוואַי זשאַר...

און דער בעדער האָט געציטערט אימת מות, זיך אָפּגעבריט און געגאָסן הייסע שעפּלעך אין אויוון אריין אף די צוגליטע שטיינער...

* * *

און די באָד מיטן עסן האָבן אים טאקע אנידערגעלייגט. מיט א גאנצער שאַטרע ציגיינער האָט ער זיך אמאל געשלאָגן, ער האָט זי געפּאַקט בא א גנבה און גענומען קאַטעווען מיט א דריק. אפשר צוואנציק ציגיינערס זיינען אין דער שאַטרע געווען. אלע זיינען אים אין פּנים געקראָכן און אלע האָט ער צעקלאַפּט ווי וויניקע עפּל, אים האָט גארניט געשאַדט. און דאס עסן מיט דער באד האָבן אים צעלייגט.

ס'איז געווען אין א זומערדיקן פרייטיק. די זון האָט זיך אזוי צעלייגט איבער דער ראָגאטקע, אז קיינער האָט דעם אָטעם ניט געקאנט כאַפּן. און אין דער סאמע גרעסטער היץ איז משה אוועק אין שוויץ אריין. ווען ער איז געגאנגען זיך אנטון, האָט מען זיך פאר אים דערשראקן, אזוי רויט איז זיין לייב געווען און אזא פארע האָט דערפון געזעצט...

א היים קומענדיק, האָט ער ווי תמיד א געשריי געטון צום ווייב:

— וואו איז דער צימעס?

דאס ווייב האָט אים אנידערגעשטעלט דעם טאפּ אפן טיש און משה האָט זיך צעגאַרטלט און מיטן פּאַלאָניק גלייך פונם טאָפּ, קוויקנדיק זיך דערביי אף א קול, פונקט ווי אין באד... ס'האָט ניט געדויערט קיין פינף מינוט און דער גרויסער טאָפּ-צימעס ראבע פּאַסאָליעס איז געווען ריין ווי בא א גרויסער בריה נאָכן וואשן.

אין עטלעכע מינוט ארום איז שוין משה געליגן אין בעט, דער בויך האָט זיך אים געהויבן אראפּ און ארויף און פון זיין יעדן מעריקע האבן די שויבן געקלונגען, פינף מינוט דורכאנאנד האָט ער געשריגן:

— משה, לאָז דיך ניט... משה לאָז דיך ניט...

און דערנאך האָט ער אויפגעהערט שרייען. דער בויך האָט זיך נאָך העכער געהויבן, די אויגן זיינען שיעור פון די לעבער ניט ארויסגעקראָכן און ער האָט אנגעהויבן זיך דרייען אף אלע זייטן אנכאפּנדיק זיך מיט די הענט אין די אייזערנע שטאַכעטלעך פונם בעט. דריי שטאַכעטלעך האָט ער ארויסגעריסן און זיי צעבויגן און צעריבן, באגיסנדיק זיי מיטן בלוט פון די אייגענע הענט... דאס בעטל האָט זיך איבערגעקערט מיט אים איינ-איינעם און פינף מענטשן האבן עם קוים אויפגעהויבן... די הענט האָבן זיך אים איינגעקרעמפּט און דער בויך האָט זיך אלץ געהויבן. דאס ברומען האָט אויפגעהערט און ס'האָט זיך אנגעהויבן א סאפּען און א כאָרכלען... און פּלוצים האָט ארויסגעזעצט א ווייסע שוים פונם מויל און דאָס סאפּען מיטן כאָרכלען האבן אויפגעהערט.

אין א פּאָר מינוט ארום האָט מען שוין געוואוסט אין דער גאַנצער ראָגאַטקע, אז משה צאַראַן האָט „אויפגעגעסן א טאָפּ צימעס און איז גע-שטאָרבן".

גנאָרגע האָט געפרעגט אַ שאלה

גנאָרגע דער גאראדאוואָי האָט געהאט דעם ערגסטן פאסטן אין שטעטל. א חוץ דעם, וואס ער איז געווען ניט ווייט פון קלוב, וואו דער פריסטאוו האָט נאכט אף נאכט געשפילט אין קארטן, אומקערנדיק זיך ערשט פארטאג און גנאָרגע האָט דערפאר כסדר געמוזט שטיין אף דער וואך און קיינמאל ניט געטארט ארייננגיין צו קיין דינסט אין קיך אריין, מורא האבנדיק אלע רגע, אז דער רוח זאל דעם פריסטאוו ניט אנטראגן, איז נאָך זיין פאסטן געווען נעבן דער גרויסער אידישער שול, פאר וועלכער ער האָט מורא געהאט אימת מות. די דאזיקע שול איז טאקע געווען מוראדיק גרוים — דאס גאנצע שטעטל האָט זי געקאנט ארייננעמען — און דערצו האָט זי נאָך פארנט געהאט פינעף גרויסע קיילעכדיקע זיילן, וואס האָבן פארשפרייט ווילדע שאטנס איבער דער גאנצער גאס. קינדווייז האָט גנאָרגע זיך געחברט מיט אידישע אינגלעך, האבן זיי אים דערציילט, אז אין דער דאָזיקער שול זיינען ניטאָ קיין „באָזשינקעס" (מזוזות) און באנאכט דאווגען דארט מתים. פלעג ער זיך אומדרייען אלע נאכט און ניט אויפהערן צו פייפן מיטן פייפל בכדי צו פארטרייבן די טויט־שטילע אומהיימלעכקייט. אז ער פלעג נאָר קריגן ענטפער אף זיין פייפן, פלעג ער זיך נאָך ניט אינגאנצן פארלירן, ער האָט געהאט דאס באוואוסטזיין, אז ער איז ניט אייגנער אף דער דאזיקער זשידאווסקע גאס מיט דער זשידאווסקער סינאגאגע און זשידאווסקע מתים, כאטש — האָט ער דערביי געקלערט — צוויי קריסטן קאנען זיך שווער ספראווען מיט אזוי פיל זשידאווסקע מתים... האָט ער אבער קיין ענטפער אויך ניט געקריגן אף זיין פייפן, דאן איז ער שיעור פון זינען ניט אראפ, ער איז געקראכן פון דער הויט, ניט געוואוסט וואוהין אהינצוטון זיך, ער האָט דאס פייפל פון מויל ניט ארויסגעלאזט און ווען ער האָט קיין ענטפער אלץ ניט באקומען, האָט ער אויסגעגאסן וויפיל קללות

און חרמות ער האָט געקאנט אױף די מאמעס פון אלע אידן, פריסטאװעס, אידישע געטער, סינאגאגעס און גאראדאװאיעס, זיך איינגעקוטשעבורעט אין זיין אפגעריבענער סוויטע, זיך אויסגעדרייט מיט דער פלייצע צו דער שול, זיך אנגעשפארט ערגעץ צו דער װאנט און געשטאנען און געציטערט, אין די װארימסטע נעכט געציטערט.

איינמאל אין א באנאכט האָט געארגע פלוצים דערהערט א קלאפ אין א פענצטער פון א שול. ס'איז געװען עט נאָך האלבער נאכט. דער לעצטער לאמטערן איז שוין לאנג געװען אויסגעלאשן און דאס חשכות װאס האָט דאס שטעטל ארומגענומען איז געװען אזוי געדיכט, אז מען האָט אפילו קיין שאטנס ניט געזען. דאס קלאפן פון דעם װעכטער האָט שוין לאנג אויפ־געהערט און זייט זיין לעצטער פייף האָט דורכגעשניטן די לופט אלס ענטפער אױף געארגס פייפעריי, איז שוין אריבער העכער א האלבע שעה. די װעכטער זיינען אלע איינגעשלאפן אױף די הילצערנע טרעפלעך פון די שפייכ־לעך, װעלכע זיי האָבן געהיט און די פאָליציסטן האָבן געפונען א שוץ פאר דער נאכט־אימה אין די אידישע קיכן, בא די קריסטלעכע דינסטן. געאָרגע איז געשטאנען װי א ניונקאלע און געציטערט. ס'איז אין דער דאָזיקער נאכט געװען נאָך מוראדיקער װי אן אנדערש מאָל. װער װייסט, װאס פאר א רוח ס'האָט זאנאָדעט א קוקװוייקע אפן דאך פון דער שול, האָט זי אלע מאָל ארויסגעלאזט אזא „קר־קע", אז געארגעס האר פונם קאפ זיינען געװארן טשװעקעס... און פלוצים האָט זיך נאָך דערהערט דער דאָזיקער קלאפ אין פענצטער, נאר דאס האָט נאָך געפעלט צום רומל...

באם אָנהויב איז געאָרגע אזוי פארשטיינערט געװארן, אז ער האָט א לאנגע צייט ניט געװאוסט, װאו ער איז אין דער װעלט. נאר דערנאָך איז ער פאװאָלי געקומען צו זיך, זיך איבערגעציילעמט און געפרואװט זיך אליין איינרעדן, אז ס'איז גארניט, ס'האָט זיך אים אויסגעװיזן... ער האָט אָבער באלד דערהערט נאָך אָ קלאפ... און טאקע באלד נאָך איינעם... גע־אָרגע האָט זיך װידער איבערגעציילעמט און דאס קלאפן האָט אויפגעהערט... ער האָט גענומען זיך ארומװישן דעם קאלטן שװייס, װאס האָט אים ארויס־געזעצט און די ציין אין מויל האָבן אים ניט אויפגעהערט קלינגען... פלוצים האָט װידער אמאָל אָנגעהויבן קלאפן, דאָס מאל שוין אין אן אנדער פענצ־

מער, נענטער צו געאַרגן, און שוין אַן אויפהער, גלייך ווי אַף א פּייקל האָט דאָס געקלאַפּט: „טיק־טיק־טיק"... געאַרגע איז געוואָרן אויסער זיך, צוגע־לאָפן צום ערשטן פענצטער א טראַך געטון אין די שויבן אריין, דערנאָך צו א צווייטן, א דריטן און געשריגן:

— שטייט אויף, איר פארפלוכטע זשידעס, אייערע מתים ווילן ארויס פון דער סינאַגאָגע!..

א רגע האָט ניט געדויערט און אין דער גאַנצער גאס איז געוואָרן א געטומל. אין אלע פענצטער האָבן זיך באוויזן ליכט, גרויסע האָבן געליאַ־רעמט, קינדער האָבן געוויינט, פון די הויפן האָבן הינט אנגעהויבן בילן... ס'האָט ניט גענומען קיין סאַך און די גאס איז פול געוואָרן מיט מענטשן. אייניקע האָבן זיך ניט פארלוירן, ארויסגעצויגן אַף זיך די קליידער, אַנדערע זיינען ארויס פון די בעטן אין אונטערשטן וועש גלייך אַף דער גאס ארויס. מ'האָט אָנגעהויבן רייבן שוועבעלעך, צינדן ליכט... אלע האָבן זיך צונויפ־געדרוקט אפן טראָטואַר, וואס אנטקעגן דער שול, אריבערגיין האָבן אלע מורא געהאט. אפילו עפּשטיין דער לערער, אַן אַפּיקורס, וואס איז אמאָל דורך א וועט אריינגעגאַנגען איינער אליין באנאכט אין שול אריין, האָט איצטער זיך געקווינקלט. דאס קלאַפּן אין פענצטער האָט ניט אויפגעהערט. ס'זיינען אַנגעקומען גויים, געקוקט, זיך געצײלמט און אויך מורא געהאט אריבערצו־גיין. אפילו דער פּריסטאַוו מיטן פרידנס ריכטער, וואס זיינען אַנגעקומען פון קלוב, האָבן זיך אויך געצײלעמט און אויך מורא געהאט צוצוגיין.

א פּאָר קריסטן זיינען צוגעלאָפן צו דער „קאַפּליטשקע", וואס איז גע־שטאַנען ניט ווייט פון דער גרויסער שול און אַנגעהויבן קלינגען אין די גלעקער. די קריסטן, הערנדיק די קלויסטער גלעקער, האָבן לייכטער אפּגע־אָטעמט, די אידן אָבער האָבן זיך נאָך מער געשראָקן... דערווייל איז אָנ־געקומען די קאָמאַנדע פון די פייערלעשער, די שווערע וועגן האָבן געבראָכן אונטער זיך די שטיינער פון דער גאס און אָנגעוואָרפן נאָך א גרעסערן פּחד... אלע האָבן זיך געטוליעט איינס צום אנדערן, געשריגן, גערעדט, געוויינט, קינדער האָבן גערופן די מאַמעס, מאַמעס האָבן גערופן די קינדער... איין מאַמע האָט איר קינד ניט געפונען...

— אברהמלע, אברהמלע...

— ווער שרייט דאָס?

— שרה וואלף קאָנסטאַנטינאָווערס...

באַלד זיינען אַלע געוואוירע געווארן אז אברהמל וואָלף קאָנסטאַנטינאָ־ווערס איז ניטאָ, מען האָט גענומען זוכן אין שטוב באַ וואלפן, באַ די שכנים און ניט געפונען.

דאָס קלאַפּן אין פענצטער פון שול האָט ניט אויפגעהערט. א רגע פלעג דאָס שטיל בלייבן און דערנאָך איז דאָס נאָך שטארקער אָנגעהויבן און אַלע מאָל אין אַן אַנדער פענצטער.

דער ערשטער איז צו זיך געקומען דער פּריסטאוו און ער האָט אויס־געשריגן:

— וואס שטייט איר דאָ צו אַלדע רוחות? שיקט רופן אייער ראבין!

— דעם רב, דעם רב! — האָבן אַלע גענומען שרייען.

און א גאנצע מחנה האָט זיך אוועקגעלאזט צום רב. יעדע רגע האָט אויסגעוויזן ווי אַ יאָר. אינמיטן איז נאָך געוועז די צרה מיט אברהמל וואלפס — א יונגעלע פון א יאָר צען — וואס איז פארפאלן געווארן. די מוטער האָט אַלע מאָל געחלשט, דער פאָטער האָט זיך גלאט געבראכן די הענט. א פּאָר, וואס האָבן זיך אביסל באהערשט, האָבן גענומען אויספרעגן געאָרגען ווי אזוי די געשיכטע האָט זיך אָנגעהויבן און געאָרגע האָט די מעשה דער־ציילט אזוי מוראדיק, אז די מהומה איז געוואקסן...

— ר׳איז שוין דאָ!

— אברהמלע איז שוין דאָ!

— ניט אברהמלע, דער רב!

אַלע האָבן זיך אומגעקוקט און דערזען ווי א חברה האָט געבראכט צוטאסקען, ניט טויט ניט לעבעדיק, דעם אלטן רב, וואס איז געבליבן שטיין אָן אָן אָטעם קעגן דער שול — דער גאנצער עולם האָט אים ארומגערינגלט. אפילו קריסטן האָבן זיך געשטופּט, געוואלט הערן א וואָרט פונעם ראַבין און געהערט — ווי דאָס הארץ קלאפּט אים.

— מען דאַרף נעמען — האָט דער רב אָנגעהויבן גיכער טראכטן ווי רעדן, קומענדיק צו זיך, צען זקנים, אָנצינדן ליכט און אריינגיין, בעטן

מחילה פונם מת טהור... אפשר ווייסט עמיצער, צי מען האָט חלילה ניט פּוגע בכבוד געווען פון א מת?..

דעם רבס שאלה האָט אריינגעוואָרפן א גרויל אין עולם אריין. ס'האָבן זיך אַ שיט געטון מעשהם פון אלע זייטן. יעדער איינער האָט געהאַט עפּעס צו דערציילן פון א מת... דערווייל איז מען געוואוירע געוואָרן, אז יאָקל שוסטער, דער ראש פון דער חברה שמשים האָט זיך יענע וואָך צעקריגט מיט נחמן דעם רויטן און אים געזאָגט: „נישקשה, איך וועל דיך נאָך מטהר זיין און דיר געבן א פּעטשל אין הינטן אריין"... אייערנעכטן איז נחמן דער רויטער געשטאָרבן און יאָקל האָט אים מטהר געווען... ווייסט מען ניט, צי ער האָט דאָס טאַקע געטון... ס'איז געוואָרן א רעש, מען האָט גענומען זוכן יאָקלען, איז ער אַף צו להכעים ניט געווען. א טייל האָט ניט געגלויבט, אז יאָקל זאָל געווען האָבן די חוצפּה נוקם צו זיין זיך אין א מת, אָן אנדער טייל האָט געדרונגען, אז אַף א חברה־שמש איז אלעם צו גלויבן. און טאַקע געזאָגט, אז דאָס קלאַפּט איצט נחמן...

— בקיצור — האָט דער רב ווייטער געזאָגט — קלויבט אויס עשרה זקנים און לאָז מען אריינגיין.

די אלטע לייט האָבן זיך אלע אפּגערוקט אָן א זייט אריין, און אָנגעהויבן צו טייטן איינס אפן אנדערן מיט די פינגער:

— גיי דו.

— און דו וואו ביסטו?

— פאַרוואָס ניט דו?

איך וועל אויך גיין — האָט דער רב זיך אפּגערופן.

דערהערנדיק אז דער רב גייט אויך, איז מען אבּיסל לעבעדיקער געוואָרן און ס'איז גיך געוואָרן עשרה זקנים, מיט אָנגעצונדענע ליכט. אין דער לעצטער רגע האָט מען זיך דערמאָנט, אז בערצע שמש האָט דעם שליסל און ער איז ניטאָ, ער שלאָפט... און ס'האָט זיך ווידער אָנגעהויבן א רעש:

— וואו וואוינט ער?

— ערגעץ אונטער דער באָד...

— אים וועט זיין שווער אויפצוּוועקן, ער עסט אלע טאָג צימעס פאַסאָלים.

— זאל גיין א גבאי, אנדערש וועט ער דעם שליסל ניט געבן...

— וואס קלויבט מען זיך — האָט דער פּריסטאוו זיך ארייגעמישט — פאַרוואס גייט מען ניט?

— ס'איז ניטאָ דער שליסל — האָט מען אים געענטפערט.

— טאָ זאל מען אויפברעכן די טיר!..

— דאָס טאָר מען ניט!

דער פּריסטאוו האָט אוועקגעשיקט צוויי חברה מיט א גאראדאוואי ברענגען דעם שליסל און די זקנים האָבן דערוויל אויסגעלאשן די ליכט. אין מזרח זייט האָט זיך שוין דער הימל אָנגעהויבן בלייכן און ס'איז אַן אויגנבליק שטיל געווארן, ס'האָבן אלע פארלוירן דאס לשון. דאָס קלאַפּן אין פענצטער האָט אויפגעהערט און דער פחד איז נאָך גרעסער געווארן.

ווען דער גאראדאוואי האָט געבראכט דעם שליסל, האָבן די זקנים ווידער אָנגעצונדן די ליכט און זיך געלאזט גיין מיט וואקלענדיקע טריט פון אונטערגעהאקטע פיס און קלאפּענדיקע הערצער... דער אלטער רב האָט זיך אַ צייט געבאברעוועט ביז ר'האָט געעפנט און ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אז ס'האָט געדויערט אַן אייביקייט. די צען זקנים מיטן רב זיינען ארייגגעגאנגען אין שול אריין... אלע זיינען געבליבן אין דרויסן אָן אָטעם, פּאַוואָלינקע האָט מען זיך צוגערוקט ביז צו דער טיר און ווען די זקנים האָבן געשריגן: „ס'איז ברוך השם גארניט", האָבן זיך אלע ארייגגערוקט אין דער שול אריין, פון וועלכער ס'האָט געזעצט מיט פייכטקייט און קעלט. — אין שול איז קיינער ניט געווען, נאר אויבן אָן, אין מזרח וואנט, אף א באנק איז געליגן אברהמל וואלפס קאנסטאנטינאווערס, א האלב טויטער...

פון וואַנען קומט ער אהער?

— ווער האָט אים פארשלעפּט?

אברהמל אליין האָט גארניט געקענט רעדן, נאר וואלף האָט זיך דערמאָנט, אז באַנאַכט איז געווען א בעל דרשן און אברהמל איז אים נאָכגעגאנגען הערן. איז ער מסתמא הערנדיק אזוי איינגעשלאָפן געווארן און קליין אזוי ווי ער איז, האָט אים קיינער ניט באמערקט, ווייל דער שטענדער האָט אים פארשטעלט און מען האָט אים אזוי פארשלאָסן אין שול. פּאַוואָלי איז אברהמל געקומען צו זיך און דערציילט, אז וואס פריער איז געווען

וויסט ער ניט, נאָר פּלוצים האָט ער דערזען, אַז ער איז איינער אַליין אין דער פינצטערער שיל, נאָר דער נר־תמיד האָט געברענט, האָט ער אים געגומען אַף צו זען די טיר, האָט ער זיך דערוויל פאַרשלאָסן. דערנאָך האָט ער דערציילט, אַז ער האָט אַרויפגעשטעלט א שטענדער אַף א שטענדער, גע־קלאַפּט אַלע מאָל אין אַן אַנדער פענצטער, נאָר קיינער האָט ניט געענט־פערט, אין גאַס האָבן געברענט ליכט, נאָר געענטפערט האָט מען ניט... וואָס ווייטער איז געווען געדענקט ער ווידער ניט...

ווען דער עולם איז זיך צעגאַנגען, איז שוין געווען גרויסער טאָג. אַף אַלע פּנימער איז געווען אויסגעגאָסן א מידקייט, אַן איבערגעשראָקנקייט און אַן אומצופרידנקייט, און מען האָט ניט געוואוסט, צי איז מען ניט צופרידן פון דער שווערער נאַכט, צי איז מען אומצופרידן, ווייל פון דער גאַנצער מעשה האָט זיך גאָר ניט אויסגעלאָזט...

געאָרגע האָט א שטיק צייט איינגעטענהט מיט אברהמלען, נאָכגע־פרעגט זיך בא אים, צי ער האָט טאַקע געזען מתים, און יענער האָט אַלץ געענטפערט, אַז ער ווייסט ניט, ער געדענקט ניט. זעענדיק, אַז פון אים קען ער גאָר ניט געוואוירע ווערן, איז דער גאַראַדאַוואי צוגעגאַנגען צום אַלטן רב און אים געפרעגט:

— זאָגט מיר, ראַבין, עס דאַווגען טאַקע אַלע נאַכט מתים אין דער סינאַגאָגע? דער רב האָט געקנייטשט מיט די פּלייצעס און געאָרגע, א ניט באַפרידיקטער, האָט געפרעגט א צווייטע שאלה:

— צי וואָלט דער גאָספּאָדין ראַבין ניט געקענט דערלויבן מ׳זאָל אַנקלאַפּן „באָזשינקעס" (מזוזות) בא דער טיר פון דער שול?..

חיים באַלעבאַטיש

געזאָגט האָט מען, אז מ׳האָט אים אמאָל אפילו גערופן ר׳ חיים, נאָר דאָס האָבן מיר שנעקעס ניט געדענקט, דאס האָבן געדענקט די אַלטע נאָר. פאַר אונז האָט אים שוין יעדער גערופן: חיים באַלעבאַטיש און ניט סתם, נאָר מ׳האָט שוין גערופן:

— חיים באַלעבאַטיש, טאַנץ פאַר פינף קאָפּיקעס!

אפילו גויים פלעגן שרייען:

— באַליעבאַטיש, טאַנצוי.

ער איז שוין דאן געווען משוגע.

נאָר די דאַזיקע, וואס געדענקען אים, ווען ר׳האָט נאָך געהייסן ר׳ חיים, האָבן זיין געשיכטע דערציילט אַף אזא שטייגער:

ער איז פּלוצים אויסגעריסן געוואָרן פון זיין נעסט, פון די טיפע טיפענישן פון בעסאראביע — די קאַדרעס, מיט זייערע געדיכטע פלוימען און נוסגערטנער, ווי די וועלדער. די פּרנסה איז אים אפּנים אביסל אוועקגעגאנגען שלעכט און ער האָט זיך אריינגעצויגן קיין אקערמאן. אקערמאן איז געווען עפּעס האלב בעסאראביע, אונטן האָט דאָס געהאַט פראַנצויזישע קאָלאָניעס און פאָרנט האָט דאָס געקוקט מיט אן אייגל אַף אָדעס. האָט טאקע אי אין בעסאראַבישקייט, אי אין אידישקייט דאָ שוין געהאלטן אביסל שמאָל. מ׳האָט שוין געקוקט אפן דרויסן מער ווי אפן אינעווייניק און אין יענע יארן האָט זיך שוין אן עושר דערלויבט צו עפענען א קלייט אום שבת און, ווען דער רב האָט געשיקט מזהיר זיין ער זאָל דאָס ניט טון, האָט דער עושר געענטפערט: וואס גייט דאָס אייך אָן, מ׳וועט אייך דען שמייסן פאַר מיר?״ אוודאי האָט זיך דער רב ניט געלאָזט און געענטפערט אז די גמרא זאָגט: „אז אידן זיינען ערב — איינס פאַר ס׳אנדערע״;

האָט דער עושר דער מחוצף געענטפערט: „אויב מ'איז טאקע ערב, טאָ צאָלט פאר מיר א וועקסאלע פאר צען אלפים רובל"...

אָט אין דעם אקערמאַן איז חיים אריינגעפאלן גלייך פון די קאָדרעס. געווארן איז ער א פשוטער מעקלער, געגאנגען צווישן די גויהס, אראָפּגע־נומען פּראָבעס פון וויינטרויבן אדער ווייץ און ארומגעטראגן ווייזן. דערצו האָט ער געהאט א באָרד איז זי געווען גרעסער און שענער ווי באם רב אליין. פאר א מעקלער איז דאָס געווען א צו שיינע באָרד. האָט די לצישע צונג פון שטעטל שוין אָנגעהויבן ארבעטן; עמיצער האָט געזאגט, אז ר' חיים האָט אזא גרויסע בארד, ווייל ער האָט איינגעשלונגען א פערד איז אים די קאָדע 1) געבליבן שטעקן אין דרויסן...

האָט מען זיך ניט צוגעהערט און ר' חיים איז ווייטער געווען ר' חיים, א שיינער איד, וואס מוז נעבעך זיין א מעקלער, מוז כסדר ארומ־שמייען צווישן גויהס, אבי מפרנס צו זיין די בני בית... ר' לייבאלע, עפּעס אן אלטער חסיד מיט קאליע אויגן, וועלכן מ'האָט אמאָל געכאפּט בא א מיאוסע מעשה און ער האָט דערפאר יעדן דן געווען לכף זכות, האָט אים גאר אויפגעהויבן לעילא ולעילא און געמאכט פון אים א גאנצן צימעס.

די צרה איז געקומען א סאך שפּעטער און אזוי, פון זיך אליין געקו־מען. עפּעס האָט עמיצער דערהערט, אז חיים נוצט אביסל צופיל דאָס ווארט „באלעבאטיש", ווייזט ער עמיצן ווייץ, זאגט ער „באלעבאטיש", ווייזט ער וויינטרויבן, זאגט ער ווידער „באלעבאטיש", רעדט ער וועגן מאָרגנדיקן מארק, וועגן נעכטיקן — כסדר „באלעבאטיש" און „באלעבאטיש"...

האָט מען אָנגעהויבן, רעדנדיק מיט אים, פארכאפּן די נעץ פאר די פיש און אף יעדער זאך זאָגן: „ס'איז באלעבאטיש". און ער, הערנדיק „זיין ווארט", פלעגט שמייכלען און דאָס האָט צוגעגעבן מוט און מ'האָט אים שוין פּאַוואָלינקע אָנגעהויבן רופן אָנשטאט ר' חיים — חיים באלע־באטיש, צי סתם באלעבאטיש. און ער פלעגט זיך אומקערן, ווען מ'האָט אים אזוי גערופן און ענטפערן... זיינען די גויים און גויהס אויך געוואוירע געווארן און אויך אָנגעהויבן שרייען „באלעבאטיש" און ער — גאָר ניט.

1) עק.

אבי ס׳איז געווארן אביסל פרנסה, האָט ער אליין געזאָגט דרייסיק מאָל באַלעבאַטיש...

און דאָס וואס די גרויסע האָבן אָנגעהויבן, האָבן די קינדער דערענ־דיקט. זיי פלעגן אים ארומרינגלען און שרייען: „באלעבאטיש, באלעבא־טיש" און ער, א גוטע נשמה — גיי ווער ברוגז אף קינדערלעך, האָט ער געלאכט צו זיי און אויך געזאגט: „באלעבאטיש". לערנט איר, קינדערלעך, עפעס „באַלעבאטיש"? און קעפלעך האָט איר „באלעבאטיש"?...

נאָר גארניט. פאר קיין משוגענעם האָט אים קיינער ניט גערעכנט. מ׳האָט געוואוסט אז ר׳האָט א קליין משוגעת — איין וואָרט, פון וועלכן אלע האָבן געלאכט און ער אליין אויך. ס׳האָט אים ניט געארט. מ׳האָט אבער די קינדער זיינע אויך אנגעהויבן רופן באלעבאטיש און דעמאָלט האָט זיך שוין אָנגעהויבן עגמת נפש, וואס איז תמיד דער בארג אראָפּ צו משוגעת. די בני בית האָבן געוואלט, אז ער זאל מער ניט זאגן קיין „באַ־לעבאטיש" און זאל ניט ענטפערן, ווען מ׳וועט אים אזוי רופן. און געזאָגט האָט מען דאָס אים צו שארף און צו הארב, און ער האָט זיך צעקריגט אין דער היים... געפילט האָט ער, אז די בני בית זיינען גערעכט, אָבער אפילו אזא גוטער מענטש ווי חיים, וואס גיט יעדן נאָך אין גאס, איז תמיד גרייט די היימישע ניט נאָכצוגעבן און זיך קריגן מיט זיי. אים האָט זיך געדוכט, אז דער גאנצער מוסר, וואס מ׳זאגט אים, איז... ניט באלעבאטיש. און ער האָט געענטפערט בייז. און דאס האָט זיך איבערגעכאזערט אלע טאָג: אי־בערגעכאזערט אזוי שארף, אז עס פלעגט אים נמאס ווערן די שטוב און ער פלעג אוועק און ארומגיין טרויעריק.

אָט אָ דער דאָזיקער טרויער האָט אים אפגעעקט. ס׳האָט אים עמיצער אָנגעהויבן זאָגן:

— באלעבאטיש, וואס זענט איר אזוי טרויעריק? טאַנצט, שפרינגט... איך שטעל וויין, איך גיב צוואנציק קאָפּיקעס, טאנצט...

באַם אָנהויב האָט ער זיך אויך דאָ ניט געמאכט הערנדיק, נאר דאָס לעבן אין דער היים איז אים אלץ געווארן פאראומערטער און מיאוסער, אפן הארצן איז תמיד עפעס געווען גלייך ווי עמיצער האָט אהין אָנגעשפיגן, האָט ער זיך איינמאָל ארויסגעכאפט:

— צאָלט איר וויין און צוואנציק קאָפּיקעס, דאָס איז באַלעבאטיש, א נו, צאָלט...

און מ'האָט אים געצאָלט וויין און צוואנציק קאָפּיקעס און ער האָט גענומען טאַנצן. פארקאטשעט די פּאָלעס און די באָרד האָט זיך געשאָקלט. מ'האָט זיך דערמאָנט אין יענעם אלטן ווערטל און מ'האָט געשריגן:

— די באָרד שאָקלט זיך דאָך בא אים, ווי די קאָדע בא א פערד.

אין יענעם טאג האָט ער געטאנצט צוויי מאָל, אָבער נאָר אינעווייניק, אין שענק. שפּעטער מיט א פּאָר טעג האָט ער שוין געטאנצט אין שול־הויף, אלץ פאר צוואנציק קאָפּיקעס, אזוי לאנג ביז וואנען ער האָט שוין גע־טאַנצט אין מיטן מארק. גויים האָבן זיך גאר מחיה געווען, וואס א איד מיט אזא גרויסער באָרד לאָזט פון זיך חוזק מאכן און מ'האָט אים געשטעקט א פערציקער און געשריגן:

— באַלעבאטיטש, טאַנצוי..

און אז קינדערלאך האָבן אים געבעטן ער זאָל טאנצן, האָט ער גע־טאנצט אומזיסט. ער האָט געפילט, אז ער טוט דאָ עפּעס ניט גוט, אָבער ער האָט ניט געקענט אָפּזאגן. און אזוי איז זיין פּרייז געפאלן, ער האָט שוין אָנגעהויבן טאנצן פאר ביליקער. פאר פינף קאָפּיקעס האָט ער אי געטאנצט, אי געזאָגט פינף מאָל „באַלעבאטיש"...

פון דער היים האָט ער שוין געמוזט אנטלויפן. דאָס ווייב האָט געוואָלט בא אים א גט און ער — א גוטער מענטש — האָט איר געוואָלט געבן, נאָר דער רב האָט שוין מורא געהאט צו שרייבן א גט. און ער איז אלץ געפאלן נידעריקער, נידעריקער... איינמאָל האָט ער זיך אפּגעשוירן די גאנצע באָרד. עמיצער האָט אים געבעטן און ער האָט ניט געקענט אפּזאגן און אפּגעשוירן, באַלעבאטיש אפּגעשוירן...

צייטנווייז פלעגט ער ארומגיין טרויעריק, עפּעס פלעגט ער דערפילן, אז ס'איז מיט אים עפּעס געשען, אז ער האָט זיך אויסגעגליטשט, נאר ער האָט ניט געוואוסט ווי אויפצוהויבן זיך... אין איינעם פון אזעלכע מאָמענטן האָט ער באשלאָסן איבערלאזן די צרה און איז אוועק קיין אָדעס. די גאנצע וועלט איז אָבער איין שטאָט, און אין אָדעס, וואו ער האָט זיך אויפגעפירט שטילער פון וואסער, איז מען גיך געוואוירע געווארן ווער ער איז און מ'האָט אים אנגעהויבן שרייען אי „באַלעבאטיש", אי „באַליעבאטיטש", אי

„באלעבאטיש טאנץ״, אי „באלעבאטיטש, טאנצוי״... און ער האָט זיך געמוזט אומקערן פון אָדעס.

און אומקערנדיק זיך, איז ער געווארן נאָך „חשובער״. מ׳האָט זיך צו אים נאָך מער געטשעפּעט, ער האָט אפּטמאל געדארפט אזוי פיל טאנצן, אז ער האָט זיך שיר די קישקעס ניט ארויסגעטאנצט, און דערביי האָט ער נאָך געמוזט שרייען „באלעבאטיש״ אויך. און — א גוטער מענטש, אלץ געשווינגן.

נאָר איינמאָל איז ער ארויס פון די כלים. מ׳האָט אים שטארק אָנגעמוטשעט אפן מארק און ער האָט זיך פארגעסן. ער האָט א כאפּ געטון א שייגעץ און אים א ביס געטון. ווי א הונט א ביס געטון. און ער האָט געוואלט ווייטער בייסן. מ׳האָט אים געמוזט בינדן און אוועקפירן אין משוגעים הויז.

אלע האָבן אויסגעזען טרויעריק, ווען מ׳האָט באלעבאטישן „באלעבאטיש״ געבונדן און אוועקגעפירט. אפשר האָבן איניקע געפילט, אז זיי זיינען שולדיק אין דער גאנצער געשיכטע און אפשר האָט גאר קיינער גאר ניט געפילט. און טרויעריק איז מען געווען, ווייל ס׳איז עפּעס געווען טרויעריק צו קוקן ווי מען בינדט באלעבאטישן. פארט א היימישער מענטש...

אין א קארג יאר ארום האָט מען חיים באלעבאטיש צוריקגעבראכט פון דעם משוגעים-הויז פולשטענדיק געזונט, נאָר די דאָקטוירים האָבן אָנגעזאגט, אז קיינער זאָל זיך ניט דערוועגן צו ברענגען דאסווארט באלעבאטיש אף די ליפּן, ווייל ער קאָן נאָך אמאל משוגע ווערן. און זע א וואונדער: קיינער, ניט קיין איד, ניט קיין קריסט, האָט אים מער ניט גערופן „באלעבאטיש״. קוקנדיק אף אים, פלעג יעדער פארבייסן מיט די ליפּן מיטן ווארט „באלעבאטיש״ און שווייגן...

אויסגעזען האָט דער היינטיקער חיים באלעבאטיש ניט ווי אמאָל, ער איז קוים געווען א שאָטן פון יענעם, דעם אמאָליקן חיים באלעבאטיש און עפּעס האָט ער אָנגעווארפן א שרעק: ס׳האָט יעדער מורא געהאַט זיך ניט ארויסצוווארפן מיטן געפערלעכן ווארט.

און ווען חיים באלעבאטיש איז אָפּגעשטארבן, איז אקערמאן געווארן גרינגער אפן הארצן און ס׳האָט לייכטער אפּגעאָטעמט.

קאַליע געמאַכט אַ יאַריד

דער טייך דניעסטער ציט זיך אוועק רעכטס און לינקס ציט זיך אַ פלאַכער בלאָטיקער וועג, ציט זיך אַזוי לאַנג ביז וואַנען ער קומט אָן און ברענגט דיך צו פירן אין אַ אידישער קאָלאָניע, וואָס הייסט פעטראָווקע.

איינגנטלעך איז עס האַלב־קאָלאָניע, האַלב־שטעטל. אַמאָל, צוריק מיט אַ סאַך יאָרן, האָט אַ פריץ אַ מאָלדאָוואַן אוועקגעשיינקט אַ גרויסן שטח ערד די איינזעסיקע אידן פונעם שטעטל. איינזעסיק האָט געהייסן — אַ פאַמיליע, וואָס האָט אָן אייגן הויז. בשעת מעשה זיינען געווען דרייסיק אַזוינע משפחות; צווישן זיי האָבן נאָך זיבעצן אידישע משפחות זיך געקויפט הייזער, האָבן זיי אויך געטענהט: תן לי נחלה! דער אַלטער פריץ איז דערווייל געשטאָרבן און זיין זון איז אוועקגעפאָרן הוליען קיין פאַריז, ווייניק וואָס זיך קימערנדיק צו געפונען אַ פירוש צום טאַטנס צוואה.

האָט זיך אָנגעהויבן אַ מלחמה צווישן די „דרייסיקער” און „זיבעצנער”. זיינען די דרייסיקער ארויסגעגאַנגען ארבעטן אין פעלד, זיינען די „זיבעצענער” זיי באַפאַלן מיט העק. און פאַרקערט. בלוט האָט זיך געגאָסן און די בעסאַראַביער ערד איז נאָך פעטער געוואָרן.

פון מלחמה איז מען אריבערגעגאַנגען צו דין־תורה און פון דין־תורה צו פראָצעסן. דער רעזולטאַט איז געווען אַ פשרה און קיין איין איד איז קיין פולשטענדיקער קאָלאָניסט ניט געוואָרן, געוואָרן האַלב סוחר, האַלב קליין גוטבאַזיצער.

אַ שנאה האָט אַ לאַנגע צייט געהערשט צווישן די דרייסיקער און זיבעצענער און הערשט נאָך עד היום. אַז אַ אינגל פון אַ דרייסיקער האָט זיך פאַרליבט אין אַ מיידל פון אַ זיבעצענער, איז געווען אַ גאַנצע טראַגעדיע, אַ מין ראָמעאָ און זשוליעטאַ בזעיר אנפין, פונקט ווי ווען אַ זון פון אַ בוהושער חסיד פאַרליבט זיך אין אַ טאָכטער פון אַ בראַצלאַווער...

אפשר איז כדאי צו פארצייכענען, אז אייניקע משפחות האבן — דורך א אידיש שפּיצל — געהערט אי צו די דרייסיקער, אי צו די זיבעצענער און באקומען טאָפּלטע חלקים. די דאָזיקע האָבן זיך מיט א פּעטראָווקער בשום אופן ניט געקאנט משדך זיין...

א חוץ דער ערד, האָבן אידן געצויגן חיונה פונעם יאריד. אלע צוויי וואָכן זיינען זיך צענויפגעקומען פויערים פון דער סביבה, פארקויפט, געקויפט און געגעבן פרנסה. א גוטער יאריד האָט געהייסן גוטע צוויי וואָכן, א געמיינער — שלעכטע צוויי וואָכן. לצים האָבן געזאגט, אז א פּעטראָווקער זעצט צו א ניינצענטע ברכה צו שמונה עשרה, וואס ענדיקט זיך מיט „ברוך עושה א גוטן יאריד"...

בשעת מלחמה האָבן פּעטראָווקער אידן באוויינט צווישן אנדערע צרות אויך דעם טויט פונם יאריד... זעלטן, ווען ס'האָט זיך אין א דאָנערשטיק אראפּגעכאַפּט עפּעס א פּויער קיין פּעטראָווקע. עס פלעגן קומען ממש צי געשלעגן איבער דעם אנגעקומענעם מוכר אדער קונה.

ניט ווייט פון פּעטראַווקע איז געווען א דייטשע קאלאָניע האפּמאנסטאָל און די אידישע האלב קאלאניע האָט מיט אזוי פיל קנאה געקוקט אף דער דייטשער קאָלאָניע, וועלכע שעפּט די גאנצע חיונה פון דער ערד און ווייסט ניט פון קיין בייזע יארידים.

און פּלוצים — א גאולה. צוזאמען מיט די ערשטע פרילינגס שטראַלן פונם זיבעצעטן יאָר, זיינען אנגעקומען ידיעות וועגן רעוואָלוציע... ס'זאל הייסן אז ניקאָלאַי איז שוין נישטאָ... מ'האָט אפילו געמוזט מאכן א יום־טוב אין שול, באָ וועלכן דער גלח האָט זיך צעקושט מיטן רב. שבת האָט שוין דער חזן ניט געזונגען קיין „הנותן תשועה". נאָר ס'האָט זיך עפּעס אלץ ניט געגלויבט...

— אזוי גרינג ווארפט מען עס אראפּ ניקאָלאַיען?!..

און דאָך... עפּעס איז געשען אזוינס, וואס האָט געמאכט מ'זאל גלויבן, אז ס'איז אמת. קודם כל האָט מען צופיל גערעדט דערפון און אז מ'קלינגט איז א חגא. והשנית — און דאס איז דער עיקר — די יארידים האָבן ווידער־אנגעהויבן ווערן יארידים. דער עולם האָט דערזען פּדיון און אנגעהויבן האלטן שטאָל און אייזן פאר דער רעוואלוציע.

צוויי יארידים זיינען אריבערגעגאנגען מיט אזא שפע — נאָר אין פּנקס צו פאַרשרייבן, דער דריטער אבער...

ס'איז געווען אין סאמע ברען פון יאריד. קי און פערד האָבן אנגעהויבן איבערגיין אין אידישן רשות, לייווענט און סטענגעס — אין גוישן רשות און פּלוצים — א רעדע...

א בחור האָט זיך ארויפגעשטעלט אויף א וואָגן און אנגעהויבן דברן, אָבער דברן—פּעך און שוועבל... מאָלדאוואניש, באַבאַליש, רוסיש, אידיש...

„ס'איז א יום־טוב... פרייהייט... קיין שנאה טאָר ניט זיין... אלע גלייך... יעדער וועט איצט ארבעטן פאר זיך... קיין מלחמות וועלן ניט זיין"...

באַם בחור האָבן די אויגן געברענט און באַם עולם — די הערצער. ס'איז טאַקע געווארן יום־טובדיק אויף דער נשמה... ווער מיר יאריד, וואָס מיר קויפן, פארקויפן... געהוליעט זאָל ווערן... געלייזט האָבן נאָר די ווייג־שענקער...

מחותנים אויף א פרעמדער חתונה זיינען געווען די סוחרים. זיי האָבן זיך ארומגעדרייט ארום זייערע שטעלעכלעך, זיך געריבן די הענט און אונ־טערגעברומט: „גערעדט האָט ער זייער שיין... הלוואי זאָל מען א האלב מקים זיין, אָבער —

— דעם יאריד האָט ער קאַליע געמאַכט"...

א י ד י ש ע   ב ו כ ה א נ ד ל ו נ ג

ג. קאַפּלאַנסקי

איז די איינציקע אקרעדיטירטע אידישע בוכהאַנדלונג אין ארגענטינע וואו מען קאָן באַקומען אַ גרויסן אויסוואַל פון אַלערליי אַרטיקלען, וואָס געהערן צום ספרים מסחר.

אַלע ניי־דערשינענע ביכער ווערן גלייך באַקומען דורך פּאָסט.

די איינציקע אידישע בוכהאַנדלונג, וואָס שטייט אין דירעקטער פאַרבינדונג מיט אַלע אידישע פאַרלאַגן.

אַ כסדרדיקער אויסוואַל פון רומעל ספרים, אידיש און העברעאישע לער־ביכער, וואַנט־בילדער, איינזיכטס־קאַרטן, לשנה טובה־קאַרטן, זיידענע און וואָלענע טלתים.

ביכער פון יעקב באָטאָשאַנסקי

ש ו י ן   ד ע ר ש י נ ע ן:

נאָך דער פאָרשטעלונג (גראָטעסקן און בילדער פון אידישן אקטיאָרן לעבן). פּרייז 2 פּעזאָ.

הערשעלע אסטראָפּאָליער (טראגיקאָמעדיע אין 4 אקטן). פּרייז 1 פּעזאָ.

פון ביידע זייטן ים (נאָוועלן, גראָטעסקן און בילדער) פּרייז 2 פּ.

בעסאַראַביע (לעגענדן, מעשה׳ס און בילדער) פּרייז 2 פּעזאָ.

ע ס   ד ר ו ק ט   ז י ך:

דראַמען: (ערשטער באַנד: ר׳ בער ליעווער — היסטאָרישע דראמע אין פיר אקטן; צווישן רעוואָלוציאָנערן — דראַמע אין דריי אַקטן). פּרייז 2 פּעזאָ.

לידלעך: פּרייז 50 סענט.

צווישן ביכער און מחברים (שמועסן וועגן ליטעראטור און ליטעראטן). פּרייז 2 פּעזאָ.

ע ס   ג ר י י ט ן   ז י ך   צ ו ם   ד ר ו ק:

געקליבענע פעליעטאָנען פּרייז 2 פּעזאָ.

יונה לאַנבערג און זיין טאָכטער (נאָוועלע) פּרייז 1 פּעזאָ.

„פנים'ער און פנים'לאַך"

איינציקער וועכנטלעכער, אילוסטרירטער זשורנאַל אין גאַנץ זיד־אַמעריקע

ווילט איר האָבן אַ ידיעה וועגן אידישן לעבן אין ארגענטינע בכלל און אין אונזערע קאָלאָניעס בפרט;

ווילט איר זען דאָס געזעלשאַפטלעכע אידישע לעבן אין ארגענ־טינע, אין בילדער און קאַריקאַטורן;

ווילט איר אַן אָביעקטיווע און אומפּארטייאישע קריטיק איבער אונזער געזעלשאַפטלעכן לעבן, אַבאָנירט און לייענט:

„פנים'ער און פנים'לאַך".

אַבאָנעמענטס־פּרייז:

אין לאַנד יערלעך 10 $. אַ האַלב יאָר 5 $. 3 מאָנאַטן 2.50 $.

אין זיד־אַמעריקאַנער לענדער 15 $. איינצלנער נומער 20 סענט

2719 - V. GOMEZ - 2719 BUENOS AIRES

אידיש־העברעאישע בוכהאַנדלונג

ש. סגל

J. E. URIBURU 510 BUENOS AIRES

אַ שטענדיקער ליטעראַרישער אויסוואַל פון אַלע נייע שאַפונגען אין אידיש און העברעאיש

טעאַטער־פּיעסן

אַלערליי ווערטער־ביכער אין פיל שפּראַכן. — טעקסטן פאַר שולן. קינדער ליטעראַטור. — בילדער פון שרייבער. — אַלערליי סאָרטן תנ"ך און רומ"ל ספרים אין אַלגעמיין.

אַגענטור פון פאָלגנדע צייטונגען און זשורנאַלן:

וועכנטלעכע: „אידישע גאַזעטן", „דער אַמעריקאַנער", „גרויסער קונדס", „ליטעראַרישע בלעטער", „כתובים", „פאַרן פאָלק".

טעגלעכע: „פאָרווערטס", „פרייהייט".

חודשלעכע: „צוקונפט", „האַמער".

„די פּרעסע“

אומפּאַרטייאישע טעגלעכע פרימאָרגן צייטונג

גענרינדעט דעם 1־טן יאַנואַר 1918

דערשיינט זיבן מאָל אין וואָך

„די פּרעסע“ איז די מאָדערנסטע און פאַרשפּרייטסטע אידישע טעגלעכע צייטונג אין גאַנץ זיד־אַמעריקע.

די רעדאַקציע פון „די פּרעסע“ און אירע נאָענטע מיטאַרבעטער איז צוזאַמענגעשטעלט פון די בעסטע און פּעאיקסטע אידישע ליטעראַרישע און זשורנאַליסטישע כוחות, וואָס אַרגענטינע פאַרמאָגט.

„די פּרעסע“ איז די איינציקע אידישע טעגלעכע צייטונג אין אַרגענטינע, וואָס באַציט זיך מיט פולן ערנסט צו אַלע קולטורעל־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען פון אינלאַנד און אויסלאַנד און ווערט דאַרום געלייענט פון אַלע קלאַסן און שיכטן אָן שום אונטערשיד.

„די פּרעסע“ ווערט געדרוקט אין אירע אייגענע גרויסע טאַזשערן פון דער מאָדערנסטער לינאָטיפּיע און סטערעאָטיפּיע מיט א גרויסער ראָטאַציאָנס דרוק־מאַשין וואָס נעמט אריין צוואַנציק גרויסע זייטן מיט איין מאָל און דרוקט 20.000 עקזעמפּליאַרן אין אַ שעה.

DI PRESSE

Diario Israelita de la mañana

352 - CASTELLI - 360 **BUENOS AIRES**

U. T. (47) Cuyo 5579 y 5583